STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04508

SOVYET-RUSLAND – UNZER TRAGEDYE

E. Mus

*Permanent preservation of this book was made possible
by Sy Sternberg
in memory of
Mollie & Max Sternberg*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. מוס

סאָוויעט־רוסלאַנד — אונזער טראַגעדיע

פאַרלאַג
בונדישער קלוב
ניו־יאָרק
1939

נומער 8
פרייז 25 סענט

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

B U N D - C L U B
175 East Broadway, New York City
Room 401

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

אינהאַלט

קאַפּיטל 1
צוויי וואָכן, וואָס ענדערן דעם פּנים פון דער וועלט.........5

קאַפּיטל 2
צי האָט טשעמבערלעין די פּאָליאַקן מער ליב איידער
די טשעכן? 9

קאַפּיטל 3
דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך שרייט צו דער וועלט........15

קאַפּיטל 4
די רויטע ארמיי באפרייט ווייס־רוסן און אוקראַינער.....20

קאַפּיטל 5
רוסלאַנד און דייטשלאַנד גיבן ארויס א געמיינזאַמע
דעקלאַראַציע 27

קאַפּיטל 6
גוט פאַר אידן? 32

קאַפּיטל 7
דייטשלאַנדס זיג — די גרעסטע סכנה פאר סאָוועט־
רוסלאַנד 37

קאַפּיטל 8
מ'רעדט צו אונז כינעזיש 43

קאַפּיטל 9
האָט געדולד, סטאַלין וועט נאָך ווייזן...............46

קאַפּיטל 10
סטאַלין און דער אינערלעכער פראָנט 54

קאַפּיטל 11
פאַרשטייט ניט סטאַלין, וואָס ער טוט?...............60

קאַפּיטל 1

צוויי וואָכן, וואָס ענדערן דעם פּנים פון דער וועלט

ס׳איז אמת, אז דאָס בלוט וועַרט פאַרגליווערט אין די אָדערן, אָבער איך וויל פאַרבלייבן רואיק. איך וויל נישט באַשולדיגן — איך וויל *אויפקלערן*. איך וויל נישט שלאָגן — איך וויל זיך *צוזאַמענריידן*. איך גלויב נאָך אַלץ, אַז דאָס איז מעגלעך. איך בין נאָך אלץ זיכער, אַז ערגעץ וואו זיינען פאַראַן די פאַסיקע ווערטער, דער ריכטיקער טאָן, כדי די בלינדע זאָלן דערזען, כדי די טויבע זאָלן דערהערן... מיר טאָרן נישט מיד ווערן. אויפקלערן איז היינט וויכטיקער ווי ווען נישט איז. צוזאַמענריידן זיך, שליסן די אייגענע רייען, קען גראָד היינט האָבן א וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג. ווער ווייסט, ווער קען פאָרויס זאָגן, וואָס דער *מאָרגן* וועט ברענגען, וועלכע אויפגאבן ער וועט שטעלן דער ארבעטנדיקער מענטשהייט?

די וועלט צומאָרגנס נאָך דער נייער וועלט־מלחמה טאָר נישט אויסזען אזוי ווי זי האָט אויסגעזען נעכטן. אָבער נאָר ווען מיר וועלן זיך צוזאמענריידן, ווען מיר אלע וועלן זען, וואו מיר האלטן אין דער וועלט, ווען מיר אלע וועלן פאַרשטיין, וואו ס׳זיינען אונזערע קעגנער און וואו אונזערע פריינט, וועלן מיר זיין בכוח פארווירקלעכן אונזער היסטאָרישע מיסיע.

איך וועל נישט אפּעלירן צו געפילן, איך לאָז יעצט אָן א זייט עפעקטן און אַפעקטן. איך וויל ריידן נישט צום הארץ — *נאָר צום קאָפּ*. איך וויל אפּעלירן צום מענטשלעכן געדאַנק, צום שכל. איך גלויב נאָך אין אים...

אָבער, אײדער איך פאַנג אָן, האָב איך אַ בקשה: האַלט נישט אייערע געדאַנקען, אייער אייגענעם שכל אין א תפיסה, אונטער גראַטן, אפילו דאַן, ווען די גראַטן זיינען געמאָלט—רויט. אמנעסטירט זיי, לאָזט *זיי ארויס אויף דער פריי*. ס׳איז ביטער זיין געפאַנגען פון שונא, זיין אַן ארעסטאַנט. אָבער

נאָך ערגער איז ארעסטירן דעם אייגענעם שכל, פאַרוואַנדלען אייגענע געדאנקען אין — א ר ע ס ט אַ נ ט ן. פריי־לאָזן די דאָזיקע אומגליק־לעכע ארעסטאַנטן איז דער ערשטער תנאי, אז מיר זאָלן זיך קענען צוזאַמענריידן. באַפרייט זיי לכל־הפחות אויף דער צייט, ביז איר וועט זיך באַקענען מיט דער ארבעט. זאָלן זיי פאַרזוכן דעם טעם פון פרייהייט, אפשר וועלן זיי זיך מער נישט לאָזן אריינשטופן אונטער גראַטעס...

איך פון מיין זייט גיב זיך א נדר: שרייבנדיק די וויטערדיקע שורות וועל איך איינטונקען מיין פעדער נישט בלויז אין טינט, איך וועל איר אויך איינטונקען א י ן מ י י ן א י י ג ע נ ע ם ג ע־ װ י ס ן...

**
*

דער אָפיציעלער אָרגאַן פון סאָוועט־רוסלאנד, די „פּראַוודאַ", וואָס דערשיינט אין מאָסקווע, האָט היי־יאָר דעם 15־טן א ו ג ו ס ט, געשריבן פאָלגנדיקע שורות:

„א מ ל ח מ ה פ ו ן ר אַ ט ן ־ פ אַ ר ב אַ נ ד ק ע ג ן פ אַ ש י ז ם װ ע ט ז י י ן ד י ס אַ מ ע ג ע ר ע כ ט ע א ו ן ג ע ז ע צ ל ע כ ע פ ו ן א ל ע מ ל ח מ ו ת, וועלכע די מענטשהייט האָט ו ו ע ן נ י ש ט א י ז ג ע פ י ר ט. דער בעסטער וועג צו פארטיידיקן זיך איז א שטאַרקע אָפענסיווע מיטן ציל פ ו ל ש ט ע נ ד י ק צ ו פ אַ ר נ י כ ט ן ד ע ם ש ו נ א א ו י ף ז י י ן א י י ג ע נ ע ר ט ע ר י ט אָ ר י ע. פאַרניכטן דעם שונא ה י י ס ט פ אַ ר נ י כ ט ן ד ע ם פ אַ ש י ז ם, א ו י פ ש ט ע ל ן ק ע ג ן א י ם ד י א ר ב ע ט ע ר א ו ן ה ע ל פ ן ז י י א י ן ז י י ע ר מ ל ח מ ה ק ע ג ן פ אַ־ ש י ז ם."

מיט אַ וואָך שפּעטער, אַכט טעג נאָך דעם, ווי די פריערדיקע שורות זיינען געוואָרן אָפּגעדרוקט, א י ז א ו נ ט ע ר ג ע ש ר י ב ן ג ע װ אָ ר ן ד ע ר א. ג. נ י ש ט א נ ג ר י ף ־ פּ אַ ק ט צ ו ו י ש ן ס אָ ו ו ע ט ־ ר ו ס ל אַ נ ד א ו ן נ אַ צ י ־ ד י י ט ש ל אַ נ ד. פון דעם מאָמענט אָן אנטוויקלען זיך די געשעע־ענישן האַסטיק־שנעל. אין געציילטע טעג ארום דערקלערט היטלער, אַז דייטשלאנד איז אומבאַזיגבאר און וואַגט — אין דער נאַכט פון 31־טן אוגוסט — צו באַפאַלן פוילן, אָנצוהויבן א נייע וועלט־מלחמה.

ד ר י י ד אַ ט ע ס: 15־טן אוגוסט — דער ארטיקל אין „פּראַוודאַ", 23־סטער אוגוסט — דער שלום־אָפּמאַך צווישן סטאַלינען

און היטלערן און דער 31־סטער אויגוסט — דער איבערפאַל אויף פּוילן, אַ נייע וועלט־מלחמה.

וואָס האָט פּאַסירט במשך פון די צוויי וואָכן פון 15־טן ביזן 31־טן אויגוסט, במשך פון דעם האַלבן זומער־חודש, וועלכער וועט דעצידירן דעם פּנים פון דער וועלט? — איין זאַך איז קלאָר: די נ י י ע פּאָליטיק לגבי דעם פאַשיזם, וואָס מאָסקווע האָט אָנגעפאַנגען דעם 23־טן אויגוסט מיט דעם א. ג. סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איז פּונקט דער היפּך פון איר פריערדיקער. אנשטאָט אַ מלחמה פון סאָוועט־פאַר־באַנד קעגן פאַשיזם — אַ שלום־אָפּמאַך מיט אים. אנשטאָט באַפאַלן דעם פאַשיזם אויף זיין אייגענער טעריטאָריע — אליין באַפאַלן צוזאַמען מיט אים פרעמדע טעריטאָריעס. אנשטאָט פאַרניכטן דעם פאַשיס־טישן שונא — ווירטשאַפטלעך און מיליטעריש אים העלפן. אנשטאָט אויפשטעלן קעגן דעם פאַשיזם די אַרבעטער — אָוועקשטעלן די אַר־בעטנדיקע מאַסן פון סאָוועט־רוסלאַנד גופא, אָוועקשטעלן די אַלע וואָס פילן זיך גייסטיק און אידייאיש פאַרבונדן מיט סאָוועט־רוסלאַנד, אין דער לאַגע פון שלום, פון נישט אָנגרייפן דעם פאַשיזם.

אָדער „פּראַוודאַ" פון 15־טן אויגוסט, אָדער די סטאַלינס און די מאָלאָטאָווס פון 23־טן אויגוסט. אָדער די רעדאַקטאָרן פון „פּראַוודאַ" דאַרפן באַשטראָפט ווערן. אָדער די מחברים פון אָפּמאַך צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד. ב י י ד ע קע נ ע ן נ י ש ט ז י י ן ג ע ר ע כ ט. אין דער וואָך פון 15־טן ביזן 23־טן אויגוסט איז דאָך נישט פאָרגעקומען קיין שום זאַך, וואָס זאָל באַרעכטיקן די געענדערטע שטעלונג לגבי דעם פאַשיזם.

דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך איז געווען ווי אַ דונער פון „העלן" מאָסקווער הימל. אַ סך האָבן געוואוסט, אַז די זון אין מאָסקווע האָט פלעקן. אָבער זעלטן ווער האָט געגלויבט, אַז דער אַנטי־פאַשיסטישער פּנים פון מאָסקווע איז אויך ב אַ פ ל ע ק ט. די גאַנצע אַרבעטנ־דיקע מענטשהייט איז געווען איבערצייגט, אַז אין הינזיכט פון קאַמף קעגן פאַשיזם איז דער מאָסקווער הימל לויטער, העל, אָן אַ וועלכער נישט איז פּגימה.

פריער מיט אומגלויבן און שפּעטער מיט פאַרצווייפלונג, פאַרלאָ־רענע און דערשלאָגענע, האָבן אַלע טיילן פון דער אַרבעטער־וועלט, אַ ל ע אָ ן א ו י ס נ אַ ם, אויפגענומען די ערשטע ידיעות וועגן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. ערשט שפּעטער האָבן אייניקע אָנגעהויבן טייטשן און אריינטייטשן... ערשט שפּעטער האָבן זיך געפונען בעל־מלאכות, וואָס האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל, כדי כשרן און אויסווייסן, בעלנים אַראָפּצושלינגען אויך די ביטערע פּיל...

אָנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע ארבעט ווען די וועלט איז נאָך געשטאַנען אויף דער שוועל פון א נייער וועלט־מלחמה. זי ווערט אָבער געפירט אויך יעצט, בעת מיר אלע געפינען זיך שוין אין דער בלוט־באָד, וואָס דער פאַשיזם האָט צוגעגרייט פאר דער מענטשהייט.

אין בלוט־רויטן אָפשיין פון מלחמה־פייער קען מען אייניקע זאַכן בעסער באַמערקן, אנדערע ריכטיקער אָפּשאצן. אָבער קודם־כל מוזן געזאָגט ווערן א פּאָר ווערטער וועגן דער נייער וועלט־מלחמה גופא.

קאפיטל 2

צי האָט טשעמבערלעין די פּאָליאַקן מער ליב איידער די טשעכן ?

בלויז 25 יאָר זיינען אריבער זינט ס'איז אויסגעבראָכן, אין 1914, די ערשטע וועלט־מלחמה. דער ווערסאַלער שלום איז געשלאָסן געוואָרן אין 1918. די מיליאָנען, וואָס האָבן אנטייל גענומען אין יענער פעלקער־שחיטה האָבן קוים באַוויזן צו דערציען זייערע זין, און ס'איז ווידער אונטערגעצונדן געוואָרן די וועלט. דער פאַשיזם האָט יעצט פאַנאַנדערגעבונדן די ווילדע סטיכיע פון א צווייטער וועלט־מלחמה.

צוליב וואָס איז היינט די וועלט ווידער געוואָרן אַ שלאַכט־הויז, וואו מיליאָנען ווערן געקוילעט ? צוליב וואָס איז אייראָפּא פאַרוואנדלט געוואָרן אין א יאַטקע, וואו קצבים שינדן יונגע, בליענדיקע מענטשן־קערפּערס ?

פאָרמעל איז די מלחמה אויסגעבראָכן צוליב — ד אַ נ צ י ג. היטלער האָט פאַרלאַנגט, אז די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז ווירקלעך באַוואוינט פון דייטשן, זאָל געהערן צו דייטשלאנד. צו היטלער־דייטשלאַנד. שפּעטער האָט היטלער פאַרגרעסערט זיינע פאָדערונגען. ער האָט פאַרלאַנגט אַ „פּראָטעקטאָראט" איבער פּוילן. אויף פּראָסט אידיש — ווערן דער באַלעבאָס פון פּוילן. פאַרוואָס ? ווייל זיין האַרץ פּלאַצט פון ווייטיק זעענדיק ווי פּאָליאקן רודפן און פּייניקן די דייטשן, וואָס לעבן אין פּוילן . . .

היטלער האָט גאָר אין זינען נישט צו פאַרכאַפּן פרעמדע לענדער, צו פאַרשקלאַפן נייע פעלקער. ער וויל בלויז „באַפרייען" דייטשן . . .

די דייטשע שטאָט דאַנציג איז חלילה דורך קיינעם נישט געווען אָקופּירט. זי האָט געהאַט אן אייגענעם פּאַרלאַמענט, וואָס האָט מיט איר רעגירט. זי האָט געהייסן די „פרייע שטאָט דאַנציג", ווייל זי איז נישט געווען א באַשטאַנדטייל פון דער נאַצי־מלוכה. פאָרמעל זיינען די געזעצן פון בערלין נישט געווען חל אויף דאַנציג. פאַקטיש אָבער, איז בערלין סיי־ווי־סיי געווען איר באַלעבאָס. דער דאַנציגער פּאַרלאַמענט איז געווען פּונקט אזוי פאַשיסטיש ווי דער דייטשער

רייכסטאג אונטער היטלערס ממשלה. אין דער אמתן האָט היטלער נישט געהאַט פון וועמען צו באַפרייען דאנציג, חוץ באַפרייען די דאָזיקע שטאָט פון זיך אליין, באפרייען איר פון... פאַשיסטן.

אָבער ס׳איז נישטאָ אַזאַ נאַר אין דער וועלט, וואָס זאָל ווירקלעך גלויבן, אַז די נייע מלחמה איז אויסגעבראָכן צוליב באַפרייען דייטשן...

ווי ווייניג היטלערן גייען אָן אין דער אמתן די דייטשע ארבעטער און פאָלקס־מאַסן איז ערשט מיט א פּאָר מאָנאַטן צוריק קלאָר געוואָרן אפילו פאר א בלינדן. נישט קיין אַנדערער ווי דער זעלביקער היטלער האָט געמאַכט אָן אָפּמאַך מיט מוסאָליני, אַז די עטלעכע הונדערט טויזנט דייטשע פּויערים פון טיראָלער געגנד אין געוועזענעם עסטרייך, א דייטשע באַפעלקערונג, וואָס איז דריי אָדער פיר מאָל אזוי גרויס ווי די דאַנציגער, זאָלן ארויסגעטריבן ווערן פון זייערע הייזער און דערפער, כדי באַזעצן דאָרט איטאַליענישע פאַשיסטן. אָבער אויך טשעמבערלעינען און דעלאַדיע גייט ווייניק וואָס אָן דער גורל פון פוילן. נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ שוטה, וואָס זאָל ווירקלעך גלויבן, אַז די ענגלישע אָדער די פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן מער ליב פּאָליאַקן איידער די טשעכן.

אויב היטלער איז פאַרט באַפאַלן פוילן, אויב ענגלאַנד מיט פראנקרייך זיינען פאַרט געבליבן טריי — זייערע פארפליכטונגען לגבי איר, אויב די צדדים האָבן זיך דעצידירט אויף א צווייטער וועלט־מלחמה, איז דאָס געשען נישט צוליב „געררודפטע" דייטשן, און נישט צוליב א פרייע, זעלבסטשטענדיקע פוילן. די נייע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, די מענטשהייט איז ווידער אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער סכנה דערטרונקען צו ווערן אין טייכן בלוט, צוליב אין גאנצן אַן אַנדער סיבה.

דער קאַמף פון פאַשיזם פאר באַהערשן די וועלט, פאר אָנוואַרפן איר זיין בלוטיקע ממשלה, איז יעצט אריינגעטראָטן אין זיין בלוטיקסטער און דעצידירנדיקער פּאַזע.

ווייטער אָפּטרעטן אָן אַ קאַמף איז שוין נישט געווען וואו. א נייער מינכען וואָלט שוין באַדייט — ענטגילטיקע קאַפּיטולאַציע פאר דעם פאַשיזם, ענגלאַנד און פראנקרייך האָבן מער קיין ברירה נישט געהאַט. קאַפּיטולאַציע אָדער... מלחמה, אזוי איז פאַר זיי אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע.

אַ פּאָר טעג ערב דעם אויסברוך פון דער יעצטיקער וועלט־מלחמה האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דייטשן פאַשיזם „דער פעלקישער בעאָבאַכטער„ געשריבן: זאָלן די ענגלענדער וויסן, אַז דער פּרייז, וואָס זיי וועלן צאָלן, אויב זיי וואגן אַ מלחמה קעגן אונזער פירער, איז נישט קיין קלענערער ווי — ד י ע נ ג ל י ש ע א י מ פּ ע ר י ע! טשעמבערלעין און דעלאַדיע האָבן דאָס געוואוסט אײדער דער פאַ־שיסטישער פּובליציסט, האָט דעם דאָזיקן אמת ארויסגעפּלוידערט. טאַקע דערפאַר האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. אין קאָן איז אוועקגעשטעלט געוואָרן נישט ווייניקער — ווי אײראָפּע, ווי דער גורל פון דער מענטשהייט. דער אויסגאַנג פון דער מלחמה וועט דע־צידירן — צו דער פאַשיזם וועט ב אַ ה ע ר ש ן ד ע ם א י י ר אָ־ פּ י י א י ש ן ק אָ נ ט י נ ע נ ט א ו ן ד ו ר ך א י ם ד י ו ו ע ל ט, אָ ד ע ר ע ר ו ו ע ט ל י י ד ן אַ מ פּ ל ה, ע ר ו ו ע ט צ ע ש מ ע ט ע ר ט ו ו ע ר ן. אונטערגאַנג פון דער פרייהייט אָדער אונטערגאַנג פון פאַשיזם — דאָס איז דער איינציקער ענין, וואָס די יעצטיקע מלחמה דאַרף דעצידירן.

אַ באַזונדער פראַגע איז ווי אזוי די גרויסע בירגערלעך־דעמאָ־קראַטישע מלוכות זיינען דערגאַנגען צו אַזאַ טרויעריקן מצב. נאָך מיט אַ יאָר 5 צוריק איז היטלער־דייטשלאַנד געווען כמעט אָן ציין, די בעסטיע האָט נאָך נישט געקענט בייסן. ס'איז געווען לייכט ווי אָראָפּ־בלאָזן אַ האָר, ארויסהאַקן איר די גיפטיקע ציינדלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן ביי איר ארויסשניידן. אָבער די טשעמבערלעינס און די דעלאַדיעס האָבן באַצייטנס נישט באַוואָרנט די וועלט קעגן פאַשיזם. ווען די ארבעטנדיקע מענטשהייט אויף דער גאַנצער וועלט וואָלט נישט געווען דער ערשטער קרבן פון פאַשיזם, ווען דער פאַ־שיזם וואָלט נישט געהוליעט אויפן בלוטיקסטן, אויפן אחזריותדיקסטן אופן, איבער אונזער אייגענעם גוף, דאַן וואָלטן מיר אפשר געקענט זיך באַנוצן מיט דעם אַלטן אידישן שפּריכוואָרט „ד ע ר ה ו נ ט א י ז ו ו ע ר ט ד ע ם ש ט ע ק ן.״ וואָס גייט אונז אָן ווער וועט געווינען אָדער פאַרשפּילן די יעצטיקע מלחמה? זיי — ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן דאָך אליין, בידים, צוגעהאָלפן, אז היטלער־דייטשלאַנד, אַז דער פאַשיזם, זאָל אויסוואַקסן אין אַ ריזיקן כוח, וואָס פאַרמעסט זיך יעצט גאַנץ אייראָפּע, די גאַנצע וועלט, איינצוואוויקלען אין אַ רויטן בגד פון פאַרגאָסענע מענטשלעכע בלוט, אין אַ שוואַרצן טלית פון שקלאַפעריי און באַרבאַריזם.

כל זמן די פאַשיסטישע בעסטיע האָט געגריזשעט בלויז דעם ביין פון דער ארבעטער־באַוועגונג, פון דער פרייהייטס־באַוועגונג, זיינען זיי

געוועז גלייכגילטיק צו אירע בלוטיקסטע, צו אירע שוידערלעכסטע פאַרברעכענס. זיי האָבן דער בעסטיע אפילו געוואונטשן אַ גוטן אפעטיט...

זיי אליין האָבן דאָך אריינגעלאָזן אין זייער אייגענער דירה, אין דעם אַפּאַרטמענט, וואו די פעלקער פון איראפּא האָבן במשך פון דורות זיך איינגעאָרדנט, א געגנגסטער, א באַנדיט. זיי האָבן דעם דאָזיקן געגנגסטער אויסגעהאָדעוועט און גרויס געמאכט; אמת, ער האָט געדאַרפט בלויז פאַרטיליקן די דייטשע ארבעטער־באַוועגונג, בלויז דערשטיקן אין בלוט און אין פאַרברעכנס די סאָציאַליסטישע וועלט בכלל, בלויז איינשליסן צוריק סאָוועט־רוסלאַנד אין דער קייט פון דער אלוועלטלעכער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאפט. אָבער דער געגנגסטער איז פעט און גרויס געוואָרן פון דעם שווייס און בלוט פון די ארבעטנדיקע מאַסן אין דייטשלאנד און איטאליע. וואָס מער מ׳האָט אים געגעבן, אלץ מער האָט ער געוואָלט. וואָס מער ער האָט אויפגעפרעסן פרעמד האָב און גוטס אלץ הונגעריקער איז ער געוואָרן. זיין אַפּעטיט איז אויסגעוואקסן צוזאַמען מיט זיין עסן. ער וויל היינט שוין נישט ווייניקער ווי באהערשן די וועלט, פאַרטיליקן פראנקרייך און ענגלאנד אליין, ווערן זייער באָס, זייער באַלעבאָס... דער געגנגסטער, וועלכער איז בשעתו אריינגענומען געוואָרן ווי אַן אָרימער און נישט אינגאנצן אנשטענדיקער שכן, וויל יעצט ארויסטרייבן די באַלעבאַטים, וויל אליין קעניגן... דערשראָקענע האָבן די אלטע באַלעבאַטים גענומען אים צווואַרפן אַ פאָלק נאָך אַ פאָלק, איין לאַנד נאָך אַ צווייטן. נישט אייגענע נאָר פרעמדע... נאַ, עס, גריזשע, ווער זאַט, לאָז אונז צו־רו...

אָבער דער געגנגסטער איז נישט זאַט געוואָרן, נאָר אלץ חוצפּה־דיקער און אלץ האַפּערדיקער... ביז ס׳איז מער קיין ברירה נישט געבליבן: אָדער זיך אנטקעגן שטעלן אים, אָדער זיך אונטערגעבן, אונטערוואַרפן זיך זיין דיקטאַטור...

אין דער צווייטער העלפט פון זומערדיקן חודש אויגוסט, האָט דער פאַשיזם ארויסגעפאָדערט צום קאמף די וועלט און... זי האָט נישט קאַפּיטולירט, זי האָט אָנגענומען די ארויספאָדערונג. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן... נישט קיין אנדערער ווי דער אָפיציעלער אָרגאַן פון מאָסקווע, — די „פּראַוודאַ״ פון 15־טן אויגוסט האָט געשריבן, אז אַזאַ מלחמה, איז די הייליקסטע און גערעכטעסטע פון אלע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט, — די מלחמה קעגן פאַשיזם.

ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָנגריף פון פאַשיזם אויף פוילן, נישט צוליב פוילן, און נישט צוליב אונז, ד. ה. צוליב דער ארבעטנדיקער, דעמאָקראַטישער וועלט. זיי קעמפן פאַר זיך אליין, פאַר זייערע אייגענע מלוכה־אינטערעסן. דאָס אונטער־ליגט נישט קיין שום ספק. אָבער דערפון ווערט דער ענין נישט אנדערש. דערפון וואָס די יושרדיקסטע, די באַרעכטיקסטע און היי־ליקסטע פון אלע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט, די מלחמה קעגן פאַשיזם, איז אָנגעהויבן געוואָרן נישט דורך סאָוועט־רוסלאַנד, ווי מיר סאָציאַליסטן, האָבן מיט רעכט און מיט בענקשאַפט דערוואַרט, נאָר דורך ענגלאַנד און פראַנקרייך, איז איר תוך נישט אנדערש געוואָרן. דער זיג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איבער היטלער־דייטשלאַנד וועט, אמת, נאָך נישט באַדייטן, אַז דער סאָציאַליזם האָט געזיגט. ער וועט נישט מער ווי בלויז באַזייטיקן א שווערן שטיין, אַפּרוימען פון וועג די שווערסטע מניעה פאַר אונזער סאָציאַליסטישן קאַמף. אָבער דער זיג פון היטלער־דייטשלאַנד אין דער יעצטיגער מלחמה, וועט באַדייטן די פאַשיזירונג פון דעם גאַנצן אייראָפּייאישן קאָנטינענט, וועט באַדייטן דעם אָנהויב פון פאַשיסטישער הערשאַפט אין דער גאַנצער וועלט, וועט באַדייטן פאַרניכטונג פון דער ארבעטער־באַוועגונג אומעטום אויף דעם גאַנצן ערד־קוגל, וועט באַדייטן די אויסשפּרייטונג פון פאַשיסטישער גרויל־הערשאַפט איבער נייע הונדערטער מיליאָנען ארבעט־מענטשן אין דער וועלט, וועט באַדייטן, אַז די אידישע באַפעל־קערונג וועט דערטרונקען ווערן אין איר אייגן בלוט אונטער די שאַרפע מעסערס פון די ברוינע און שוואַרצע פאַשיסטישע יונגען. דער זיג פון היטלער־דייטשלאַנד אין דער יעצטיקער מלחמה וועט באַדייטן, אַז די זון פון פרייהייט, פון קולטור און געזעצלעכקייט איז אונטערגעגאַנגען אין גאַנץ אייראָפּאַ, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז פינצטער און חושך געוואָרן.

איך גלויב נישט, אַז ס׳זאָל זיין איין ערלעכער, איין נאָרמאַלער מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל דעם דאָזיקן עלעמענטאַרן א״ב נישט פאַרשטיין. איך גלויב נישט אין דעם, אַז ס׳זיינען ווירקלעך פאַראַן אַרבעטער־טוער, וואָס האַלטן, אַז ס׳איז אלץ איינס ווער ס׳וועט זיגן אין דעם יעצטיקן בלוטיקן געראַנגל, וועלכע זאָלן ווירקלעך פילן, אַז ס׳קומט פאַר נישט מער ווי אַ פּשוטע, — אַ געוויינלעכע אימפּעריא־

ליסטישע מלחמה. צוויי רויבער שלאָגן זיך צווישן זיך פאַר אַ גרעסערן חלק רויב און אונז, דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, איז נישט קיין נפקה־מינה, וועלכער צד וועט זיגן אין דער יעצטיקער פאַרמעסטונג. איך גלויב נישט, אַז עמיצער פילט טאַקע אזוי.

קאפיטל 3

דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך שרייט צו דער וועלט...

אין דער פינצטערער נאַכט פון דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן היטלערס באַנדיטן אריינגעמאַרשירט אין פּוילן.

די וועלט האָט א ציטער געגעבן: קאַפּיטולירן, בויגן דעם קאָפּ אונטער דער פאַרבלוטיקטער בייטש פון פאַשיזם, אָדער — זיך אנטקעגן שטעלן?

נאָך עטלעכע טעג פון פיינלעכער אומזיכערקייט איז געקומען דער באַשלוס: ענגלאַנד און פראַנקרייך ווילן נישט א צווייטן „מינכען״. זיי האָבן זיך דעצידירט אויף אַ קאַמף. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. די מלחמה, וואָס דאַרף דעצידירן וועגן זיג אָדער מפּלה פון פאַשיזם. די גערעכטעסטע און די יושרדיקסטע פון אלע ביז־היינטיקע מלחמות, ווי די מאָסקווער „פּראַוודאַ״ פון 15־טן אויגוסט האָט געשריבן. פון אלע קליינע און גרויסע מלוכות, וואָס געפינען זיך אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט, פון אַלע פעלקער, וואָס באַוואוינען אַזיע און אפריקע, אויסטראַליע און אמעריקע, פון אלע אָן אויסנאָם פעלקער, האָט זיך געפונען ב ל ו י ז א י י ן ר ע ג י ־ ר ו נ ג פ ו ן א י י ן ל אַ נ ד וואָס האָט, גלייך ווי די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ ט י ו ו זיך געשטעלט אויף דער זייט פון היטלער־דייטשלאַנד, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער אַנטי־פאַשיסטישער וועלט. דער דאָזיקער א י י ן א ו ן א י י נ צ י ק ע ר אויסנאָם פון אלע מלוכות, פעלקער און נאַציעס, איז געווען גראָד די רעגירונג, אין וועמענס נאָמען די „פּראַוודאַ״ פון 15־טן אויגוסט האָט מיט א וואָך אָדער צוויי צוריק געשריבן, אַז די מלחמה קעגן פאַשיזם איז די גערעכטעסטע און יושר־דיקסטע פון אַלע מלחמות. די סטאַלין־רעגירונג איז געווען די א י י נ צ י ק ע אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָט געוואָגט, אין ד ע ם ג ע פ ע ר ל אַ כ ס ט ן פ אַ ר ד ע ם ק י ו ם פ ו ן פ אַ ש י ז ם מ אָ מ ע נ ט, זיך אָפּן צו שטעלן אויף דער זייט פון פאַשיזם.

צ ע ן י אָ ר, לויט דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך, פאַרפליכטעט זיך די מאָסקווער רעגירונג נישט אָנצוגרייפן היטלער־דייטשלאַנד, נישט פירן קעגן איר די היליקסטע און גערעכטעסטע פון אַלע מלחמות, וואָס האָבן ווען נישט איז געפּלאָנט די ארבעטנדיקע מענטשהייט. דאָס איז בלויז דער בוכשטאַבלעכער זין פון דעם א. ג. סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. אָבער דערמיט שעפּט זיך ווייט נישט אויס זיין באַדייטונג.

באַמערקט גוט דעם מאָמענט, ווען דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן. מ׳זאָגט אונז, — וואָס ווילט איר, — אזעלכע „נאָך־אגרעשן פּאַקטס" זיינען דאָך אין די טוצנס געשלאָסן געוואָרן אויך פריער. ריכטיק; אָבער עסן א גאַנצן יאָר מאָלצייטן איז א נאָרמאַלע דערשיינונג, דערוועקט נישט ביי קיינעם א חשד, אָבער אריינגיין אין י ו ם כ י פ ו ר אין א שול מיט מתפללים, כדי דאָרט צוקייען אַ מאָלצייט — איז נישט אַ פאַרעוועזאַך פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר בפירוש אַ ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ ט י ו ו ע אַ ק צ י ע. אַזאַ ד ע מ אָ נ־ ס ט ר אַ צ י ע מצד סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען איר אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד אקוראַט אין דעם טאָג, וואָס האָט זיך געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין דעם יום־הדין איבער דעם פאַשיזם.

דער איינציקער רעאַלער פּאָליטישער זין פון דער דאָזיקער דע־מאָנסטראַציע פון פריינטשאַפט לגבי היטלער־דייטשלאַנד, א וואָך איי־דער היטלער האָט אונטערגעצונדן די וועלט און איר אריינגעוואָרפן אין גיהנום פון אַ נייער וועלט־מלחמה, האָט געקענט זיין בלויז — אָ נ צ ו ו אַ ר פ ן אַ ש ר ע ק א ו י ף ד י מ ע ר ב־ א י י ר אָ פ י י א י ש ע מ ל ו כ ו ת, צ ו ו י נ ג ע ן ז י י צ ו ק אַ פּ י ט ו ל אַ צ י ע, פ אַ ר ה י ט ל ע ר ן, ד ע ר פ י ר ן ז י י צ ו א צ ו ו י י ט ן מ י נ כ ע ן. דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך האָט געוואָרנט די קליינע מלוכות, וואָס האָבן זיך געוואַקעלט, דערקלערט די גרויסע מערב־אייראָפּייאישע מלוכות, דער פּוילישער רעגירונג און די פּוילישע ארבעטער־מאַסן:

„מיר ווען העלפן מיט רוישטאָף און קריג־מאַטעריאַלן היטלער־דייטשלאַנד, מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט, געשלאָסן צווישן זיך א פריינטשאַפט־אָפּמאַך, מיר קאָאָפּערירן פון היינט אָן אונזערע כחות". ער האָט צו זיי און צו דער גאַנצער וועלט געשריגן מיט אַ דראָענדער מיליטערישער שפּראַך: וואָגט נישט זיך אנטקעגן צו שטעלן היטלער־דייטשלאַנד, גיט איר נאָך, לעבט מיט איר בשלום, איר רוקן איז דורך אונז געזיכערט, מיר שטייען הינטער איר, קאַפּיטולירט... דאָס און בלויז דאָס איז געווען די פּאָליטישע שפּראַך פון סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך און אזוי האָט אים טאַקע די וועלט פאַרשטאַנען. אָבער דער

סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך האָט גערעדט קלאָרע דיבורים נישט בלויז צו די מלוכות און פעלקער פון אייראָפּע. ער האָט אויך גערעדט צו די פֿאָלקס־מאַסן פון ד י י ט ש ל אַ נ ד. די פעלקער פון אייראָפּע האָט דער דאָזיקער אָפּמאַך געצילט צו דערשרעקן, צו ענטמוטיקן, ברענגען זיי צו א קאַפּיטולאַציע. די פֿאָלקס־מאַסן פון דייטשלאַנד האָט אָבער דער אָפּמאַך געצילט צו דערמוטיקן זיי זאָלן נישט מורא האָבן פאַר א נייער וועלט־מלחמה. „איר זענט נישט אליין, האָט צו זיי גערעדט דער אָפּמאַך, מיט אייך זיינען 170 מיליאָן רוסן, אונזערע רייכטימער און רוישטאָפן ווערן געשטעלט אין אייער רשות, מיר שליסן פריינטשאַפט מיט אייער פירער"...

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער קלאָרער, אומצווייַדייטיקער שפּראַך פון סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איז האַזאַרד־שפּיל פון פירער פון אלוועלטלעכן פאַשיזם און פאַרפירער פון די דייטשע ארבעטנדיקע מאַסן — נ י ש ט ג ע ל ו נ ג ע ן. די וועלט האָט נישט ק אַ פּ י ־ ט ו ל י ר ט פאַר היטלערן. די נייע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגע־הויבן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן, ווי די מאָסקווער „פּראַוודאַ" פון 15־טן אויגוסט האָט געשריבן.—„די יושרדיקסטע און באַרעכטיקסטע פון אלע מלחמות אין דער וועלט."

אמת — זי האָט זיך אָנגעהויבן אַ נ ד ע ר ש ווי די רעדאַקטאָרן פון „פּראַוודאַ", ווי דער גאַנצער אַנטי־פאַשיסטישער פראָנט פון דער וועלט האָבן זיך געוואונשן. נישט מיר האָבן באַפאַלן דעם פאַשיסטישן שונא אויף זיין אייגענער טעריטאָריע, ווי דער זעלביקער נומער „פּראַוודאַ" האָט אזוי הייס און איבערצייגנדיק רעקאָמענדירט, נאָר דער פאַשיזם האָט זיין גאַנצע ארמיי, אָדער כמעט זיין גאַנצע ארמיי, געשיקט צו פאַרכאַפּן, וואָס ש נ ע ל ע ר פּוילן, צו פאַרניכטן איר מיליטערישע קראַפט, צו אויסראָטן איר באַפעלקערונג, צו מאַכן פון איר א תל. ו ו אָ ס ש נ ע ל ע ר פאַרטיק ווערן מיט פּוילן איז געווען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט א לעבנס־פראַגע פאַר דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב פון דעם וועלט־פאַשיזם. ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען אריבערגעטראָטן די מערב־גרענעץ א ו ן א ר י י נ ג ע מ אַ ר ־ ש י ר ט א ו י ף ד ע ר ט ע ר י ט אָ ר י ע פ ו ן פ אַ ש י ס ־ ט י ש ן ש ו נ א. זייער סטראַטעגישע אויפגאַבע איז געווען ברעכן די א. ג. זיגפריד־ליניע, געבן א טויט־קלאַפּ דעם פאַשיזם, כ ל ז מ ן ז י י נ ע ב אַ ט אַ ל י אָ נ ע ן ג ע פ י נ ע ן ז י ך א י ן פ ו י ל ן. דער פּלאַן האָט געהאַט שאַנסן אויף דערפאָלג. היטלער־דייטש־לאַנד האָט געוואוסט, אז זי מוז וואָס שנעלער פאַרשטאָפּן דעם מעגלעכן דורכברוך פון אירע מערב־גרענעצן דורך אירע דיוויזיעס, אירע

עראָפּלאַנען און טאַנקען, וואָס האָבן זיך אָבער געפונען אין פּוילן. היטלעריסטן האָבן געפילט, אַז די פּוילישע ערד ברענט זיי אונטער די פיס. וואָס לענגער זיי פאַרבלייבן אין פּוילן, אַלץ גרעסער ווערט די סכנה. זיי האָבן געוואוסט, אַז אין זייער לאַגע איז אַ טאָג אַ יאָר, אַז פאַרשפּעטיקן קען באַדייטן טויט, אונטערגאַנג. די העלדישע פאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון היטלער־דייטשלאַנד. זי האָט פאַרהאַלטן דעם אָנגריף פון דער היטלעריסטישער ארמיי און געגעבן א שאַנס די פאַרטיידיקער פון פּוילן אָרגאַניזירן אויף אַ באַקוועמערער ליניע זייער אָפּוועהר קעגן דער דייטשער אינוואַזיע.

אָבער ווידער אמאָל, ווי אויסגערעכנט, אין דעם געפערלעכסטן פאַר היטלער־דייטשלאַנד מאָמענט, ווען דער אַנטי־פאַשיסטישער לאַגער האָט געהאַט אַ שאַנס דורכברעכן דעם מערב־פראָנט און פאַרענדיקן זיגרייך איר יושרדיקסטע און סאַמע גערעכטע פון אלע מלחמות, טרעט אַרויס אויף דער סצענע סאָוועט־רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון דער גרויסער און זיגרייכער רעוואָלוציע. רוסלאַנד שיקט אריין איר רויטע ארמיי אין פּוילן. אָבער, נישט כדי פאַרשטאַרקן דעם אָפּוועהר פון פּוילן קעגן היטלער־דייטשלאַנד. נישט כדי באַקעמפן דעם היטלעריזם אויף די שלאַכטפעלדער פון פּוילן, וואָס וואָלטן במילא צוגעשטימט די פאַשיסטישע באַטאַליאָנען צום אָרט, און דערמיט דערמעגלעכט דעם דורכברוך אין מערב. ניין, דער גײַנס־טיקסטער מאָמענט צו צושמעטערן דעם פאַשיזם ווערט דורך סטאַלינס רעגירונג, דורך דער רויטער ארמיי, באַנוצט און אויסגענוצט, כדי צו ראַטעווען דעם היטלעריזם. די רויטע ארמיי קאָאָפערירט און ברידערט זיך נישט מיט די, וואָס ווערן זיך קעגן דעם פאַשיסטישן אָנגריף נאָר — מיט דער היט־לעריסטישער ארמיי. נישט פייער און קוילן זײַנען געפלויגן פון דער רויטער ארמיי צו די נאַציסטישע דיוויזיעס, נאָר קעגנזייטיקע סאַלוטן און באַגריסונגען...

גענומען צווישן צוויי פייערן ווערט בליץ־שנעל ליקווידירט די פאַרטיידיקונג פון פּוילן. די רויטע ארמיי, צוזאַמען מיט דער היטלע־ריסטישער, טיילן זיך איין מיט דעם גוף, וואָס צאַפּלט זיך נאָך. דעם אָרט פון די היטלעריסטישע דיוויזיעס, וועלכע זײַנען נויטיק אין מערב, כדי פאַרהיטן פון א דורכברוך — פאַרנעמען די — רויטע ארמייער. טריאומפירנדיק גיט צו וויסן דער דייטשער גענעראַל־שטאַב דער גאַנצער וועלט, אַז אין הסכם און אין גייסט

פ ו ן ס ט אַ ל י ן ־ ה י ט ל ע ר ־ אָ פּ מ אַ ך, טיילט מען זיך איין ברידערלעך מיט פּוילן, אז פּוילן עקזיסטירט נישט מער. די „רומ־פּולע" אַרמיי פון היטלער־דייטשלאַנד ווערט אין אַ לאַנגן, אומענדלעכן שנור פון צוגן און וואַגאָנען אָפּגעטראַנספּאָרטירט אויף מערב, צו דער זיגפריד ליניע, צו דער פראַנצויזישער גרעניץ...

דער רעזשיסער פון דער וועלט־געשיכטע ווייזט אונז באמת ביל־דער און סצענעס פון וועלכע דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן. ער איז אָבער צו גרויזאַם צו אונז. ער האָט אבסאָלוט נישט קיין רחמנות אויף אונזערע נערוון...

ס'איז ווירקלעך נישט לייכט צו בלייבן ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, נישט צו ווערן דערשיטערט. די ווירקלעכקייט ווייזט זיך ארויס ערגער און וויסטער, שמוציקער און אכזריותדיקער, ווי די גרעסטע פאַנטאַזיע איז ווען נישט איז געווען אימשטאַנד אויסצומאָלן...

קאפיטל 4

די רויטע ארמיי באַפרייט ווייסרוסן און אוקראַינער...

איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז יושר און גערעכטיקייט זיינען היינט נישט קיין גאַנגבאַרע ארטיקלען אויפן וועלט־יריד. נישט וויניק מענטשן וועלן א דריי טאָן מיט דער נאָז, ווען זיי וועלן דערהערן וועגן אַזאַ סחורה: ס'שמעקט מיט בטלנות... אָבער איך נעם אויף זיך די דאָזיקע ריזיקע. איך דערמאָן וועגן יושר און גערעכטיקייט, וועגן סאָציאַליסטישן יושר און וועגן סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט. לכל הפחות פון א רעגירונג, וואָס רופט זיך אליין — פּראָלעטארישע, פון די, וואָס רעגירן איבער אַ לאַנד, וואָס האָט אדורכגעמאכט, וואָס געפינט זיך נאָך עד היום אין ברען פון רעוואָלוציע — זיינען מיר באַרעכטיקט צו פאַרלאַנגען אונזער יושר און אונזער גערעכטיקייט.

סאָוועט־רוסלאנד האָט געהאט מיט פוילן א „נאָן־אגרעשן־פּאַקט". אן אָפּמאך, וואָס האָט איר פאַרזיכערט, אז ווען זי וועט באַפאַלן ווערן דורך היטלער־דייטשלאנד וועט רוסלאַנד נישט באַנוצן זיך מיט דער „גינסטיגער" געלעגנהייט. ווען רוסלאַנד וועט זיין פאַרוויקלט אין א שווערער מלחמה מיט דייטשלאַנד אָדער מיט יאַפּאַן, זאָל פוילן נישט מאַכן א פּרואוו צו רייסן שטיקער פון רוסלאַנד. די קעגנזייטיקע נישט־אַנגריף־אָפּמאכן ווערן טאַקע געשלאָסן בלויז צוליב אזעלכע שווערע מאָמענטן. אין נאָרמאַלע צייטן, ווען אלץ גייט כשורה, זיינען אזעלכע אָפּמאַכן נישט נויטיק. דארף אן ארבעטער־רעגירונג רעספּעקטירן אזעלכע אָפּמאַכן? מעג זי מאַכן פון זיי אַש און בלאָטע? דאָס האָבן דאָך די היטלעריסטן, די פאַשיסטן, פאַרוואַנדלט אינטער־נאַציאָנאַלע טראַקטאַטן און אָפּמאכן אין אשר־יוצר־פּאַפּירלעך. דאָס איז דאָך זייער סימן־מובהק, זייער פאַשיסטישע מאָראַל, זייער פאַשיס־טישער שטייגער פון א צווישנפעלקערישן צוזאַמענלעבן. פּונקט ווי ס'איז פאַראַן א טיפּישע באַנעמונג פון פּראָסטיטוטקעס, אזוי זיינען פאַראַן טיפּישע שטריכן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס כאַראַקטעריזירן — פאַשיסטן.

אָבער מאָלאָטאָוו, וועלכער האָט געהאַט דעם „פאַרגעניגן" צו מעלדן דער וועלט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד, נישט קוקנדיק אויף איר „נאָן־אגרעשן" אָפּמאַך מיט פוילן, שיקט איר רויטע ארמיי, זי זאָל, צו־זאַמען מיטן חיל פון היטלער־דייטשלאַנד, ברעכן ענטגילטיק דעם רוקן־ביין פון דער פוילישער פאַרטיידיקונג, איינטיילן צווישן זיך און היט־לער־דייטשלאַנד פוילן, מאָלאָטאָוו האָט פּרובירט צו באַרעכטיקן דעם דאָזיקן טריט פון סטאַלין־רעגירונג. בעסער וואָלט ער געשוויגן.

קודם־כל, האָט מאָלאָטאָוו, דערקלערט, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין פוילישע רעגירונג. ס'איז אַלזאָ נישטאָ דער צד מיט וועלכן דער „נאָן־אגרעשן" אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן.

די מאָסקווער דזשענטלמענטס זיינען פיינע יוריסטן. זיי האַלטן זיך שטרענג ביי געשלאָסענע אָפּמאכן. אַן אָפּמאַך איז פאַר זיי אַן אָפּמאַך. אָבער, וואָס קענען זיי טאָן, אַז ס'איז נישטאָ די רעגירונג, מיט וועלכער דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן? זיי זיינען דאָך גאָט די נשמה שולדיק...

וואַרשע, די הויפּט־שטאָט פון פוילן, שטעלט נאָך אַ העראָישן ווידערשטאַנד. די שווערסטע קאַנאָנען פון דער פאַשיסטישער וועלט־מאַכט, אירע באָמבע־וואַרפערס און אַלע אירע אַנדערע מאָרד־מכשירים זיינען נישט אימשטאַנד צו ברעכן און באַזיגן אירע פאַרטיידיקער. דריי פערטל פון דער פוילישער טעריטאָריע צום מזרח פון וואַרשע, אויף יענער זייט ווייסל, איז נאָך נישט פאַרנומען דורך דעם פאַשיס־טישן שונא. פוילן פּרובט אָרגאַניזירן אויף דער דאָזיקער ליניע איר אָפּווער קאַמף, פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן די פאַשיסטישע מחנות. אָבער די געבילדעטע יוריסטן, די כהנים גדולים פון אָרדנונג, פון שלום און גערעכטיקייט, וואָס זיצן אין קרעמל האָבן שוין אויסגעפונען, אַז די פוילישע רעגירונג עקזיסטירט נישט... זיי זיינען אַלזאָ פריי פון דער גענומענער אויף זיך פאַרפליכטונג נישט אָנצו־גרייפן זייער פוילישן שכן. געזעץ איז געזעץ...

די, וואָס רוקן יעצט ארויס דעם דאָזיקן ארגומענט פון אַ ווינקל־אַדוואָקאַט האָבן אפנים גרינטלעך פאַרגעסן זייערע אייגענע יאָרן פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד. ווען דער ווייסער גענעראַל יודעניטש איז געשטאַנען אַ פּאָר צענדליק מייל אונטער לענינגראַד און די צווייטע ווייסע ארמיי האָט שנעל זיך גערוקט צו מאָסקווע, ווען דער גאַנצער גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געהאַנגען אויף אַ האָר און איז געראַטעוועט געוואָרן דורך די ארבעטער פון די באַרימטע פּוטילאָווער זאַוואָדן אין פּעטערבורג, וועלכע זיינען ארויס פון זייערע

פאַבריקן און אויסגעקעמפט דעם נצחון איבער יודעניטשן, דענסמאָלט, אין יענע שטורמישע יאָרן, האָבן די היינטיקע מושלים פון מאָסקווע גוט פאַרשטאַנען, אַז כל־זמן די פאַרטיידיקונג גייט נאָך אָן, זיינען די פאַרטיידיקער, די קעמפער, די איינציקע לעגיטימע רעגירונג פון לאַנד, זייער ווילן איז דער איינציקער געזעצלעכער ווילן פון לאַנד.

מאָלאָטאָווס דערקלערונג, אַז ס׳עקזיסטירט שוין נישט דער צד, מיט וועלכן ער האָט געשלאָסן אַ נישט־אַנגריף־אָפּמאַך, אַז פוילן עקזיס־טירט מער נישט, איז געווען מער ווי אַ מעסער אין רוקן, פאַר די אַלע, וואָס האָבן אין יענעם מאָמענט עקשנותדיק, מיט זייער אייגן בלוט, געקעמפט קעגן דער פאַשיסטישער אינוואַזיע, נישט אונטערגעבן זיך דעם שונא נומער איינס פון דער גאַנצער אַרבעטנ־דיקער מענטשהייט. די דאָזיקע דערקלערונג איז געווען אַ ציניש‌ער חוזק, אַ שפּיי אין פּנים אַריין די אַלע, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע קערפּערס פאַרבירט אָפּצוהאַלטן דעם שדים־טאַנץ פון פאַשיסטישן אַרבעטער־מערדער און פעלקער־רציח.

כל־זמן די פוילישע רעגירונג האָט זיך געחברט מיט היטלער־דייטשלאַנד, כל־זמן זי איז געגאַנגען אַליין אין די דרכים פון היטלער־דייטשלאַנד, כל־זמן דער פוילישער מיניסטער בעק איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי היטלערן אין בערלין, האָט אויך דער רויטער קרעמל אָנערקענט די פוילישע רעגירונג און געשלאָסן מיט איר אַ „נאָן־אַגרעשן״־אָפּמאַך. אָבער ווען די פוילישע רעגירונג האָט באַ־שלאָסן נישט קאַפּיטולירן פאַר היטלערן, ווען ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן די גרעסטע און יושרדיקסטע פון אַלע מלחמות, אַ מלחמה קעגן פאַשיזם און די זעלבע פוילישע רעגירונג האָט זיך געפונען אין לאַגער פון די, וואָס קעמפן קעגן היטלער־דייטשלאַנד, האָט די רויטע מאָסקווע דערקלערט, אַז די פוילישע רעגירונג איז נישטאָ, אַז זי עקזיסטירט מער נישט...

ווען רידז־סמיגלי, מאַרשאַל פון דער פוילישער אַרמיי, האָט בעת דער טראַגעדיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אין די טעג פון מינכען, גע־שיקט פוילישע זעלנער אַפּרייסן ברעקלעך פון דער טשעכישער רע־פּובליק, וועלכע איז געלעגן דערשטיקט און דערוואָרגן דורך היטלערן, האָט סאָוועט־רוסלאַנד די פוילישע רעגירונג אָנערקענט. אָבער ווען די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, פון דער פוילישער הויפּט־שטאָט, איז איבערגענומען געוואָרן דורך אירע אַרבעטער, אָן אונטערשייד פון זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, ווען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון וואַרשע, מיט אַ העראָאישן מוט, וואָס האָט אויפגעציטערט די וועלט, שטעלט זיך אַנטקעגן דער איבערמאַכט פון די היטלעריסטישע מחנות, מאַכט

א פרואוו צו פאַרוואַנדלען איר שטאָט אין א צווייט מאַדריד, האָט סאָוועט־רוסלאנד דערקלערט, אז די פוילישע רעגירונג עקזיסטירט נישט מער... זי איז אלזאָ פריי פון דער פאַרפליכטונג נישט איבערפאַלן פוילן אין רוקן... און די רויטע ארמיי טרעט טאַקע תכף־ומיד אריבער די פוילישע גרעניץ; מיט וואָס פאר א כונה? — נישט כדי צו העלפן די פאַרטיידיקער פון וואַרשע, נאָר כדי צו העלפן דעם פאַשיזם צו פאַרענדיקן מיט דערפאָלג זיין בלוטיקע אָפעראַציע איבער פוילן...

אפשר איז דאָס אלץ א פינצטערער, בייזער חלום, וואָס מאַטערט אונז אין שלאָף? אפשר דאַרף מען זיך פשוט אויפוועקן, כדי ס׳זאָלן פאַרשווינדן די שרעקלעכע בילדער? ליידער...

אָבער, מאָלאָטאָוו, האָט געבראכט נאָך איין מאָטיוו, פאַרוואָס רוסלאַנד שיקט איר ארמיי, זי זאָל בשותפות מיט היטלערס מחנות אויסענדיקן — פוילן.

ווייס־רוסן און אוקראַאינער ווערן גערודפט אין פוילן. סאָוועט־רוסלאנד האָט באשלאָסן אריינמאַרשירן אין פוילן, כדי צו באפרייען די ליידנדיקע באַפעלקערונג, אירע „בלוט־ברידער״, ווי מאָלאָטאָוו דריקט זיך אויס, אויף אן עכט קאָמוניסטישן, און אן עכט מאַרקסיסטישן שטייגער...

אָנגענומען, אז די ווייס־רוסן און די אוקראַאינער זיינען ווירקלעך גערודפט געוואָרן דורך דער האַלב אָדער דריי־פערטל פאַשיסטישער, רעאקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישער פוילישער רעגירונג. ביי מיר, ווי ביי יעדן סאָציאליסט, ווערט איר זייער לייכט פוילן, אז אוקראינער אָדער ווייס־רוסן זאָלן איבערהויפט נישט געהערן צו דער פוילישער מלוכה. ביי מיר, ווי ביי יעדן סאָציאליסט, ווערט איר לייכט פוילן, אַז אוקראַאינער און ווייס־רוסן זאָלן בכלל נישט געהערן צו קיין שום מלוכה, זיי זאָלן געהערן צו זיך אליין. זיי האָבן די זעלביקע רעכט, ווי אלע אַנדערע פעלקער, צו דעצידירן זייער אייגענעם גורל — אפילו באַשליסן, אז זיי בילדן אויס אויף דער ערד, וואָס איז דורך זיי באַוואוינט, א זעלבסטשטענדיקן מלוכהשן אָרגאַניזם.

וואָס איז אָבער דערפון געדרונגען? אין דעם טאָג, ווען די רויטע ארמיי איז אריין אין פוילן כדי „צו באפרייען די בלוט־ברידער, די אוקראַאינער און ווייס־רוסן״ איז די פוילישע מלוכה געווען אַלט — 20 יאָר. זי איז ענטשטאַנען אין יאָר 1919 נאָך דעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה איז פארענדיקט געוואָרן. במשך פון די צוואנציק יאָר

האָט די פּוילישע רעגירונג געררודפט איר ווייס־רוסישע און איר אוקראַאינישע באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן האָט די סאָוועטישע רע־גירונג, במשך פון די גאַנצע 20 יאָר נישט געגאנגען „באַפרייען" אירע גערוידפטע בלוט־ברידער אויף יענער זייט גרענעץ. כל־זמן די פּוילישע רעגירונג האָט געלעבט בשלום מיט היטלער־דייטשלאנד, האָט די מאָסקווער רעגירונג זיך נישט אריינגעמישט. די ארבעטער־באַוועגונג פון פוילן, דאָס סאָציאַליסטישע פוילן, האָט פיל מאָל, אָפן און נישט צווייידייטיק, פּראָטעסטירט קעגן די שטראָף־עקספּעדיציעס פון דער פוילישער רעגירונג אויף די אוקראַאינער און ווייס־רוסישע פויערים. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָבער די גאנצע צייט געשוויגן. פאַר־קערט, זי האָט גאָר געשלאָסן מיט דער זעלביקער פוילישער רעגירונג א נ י ש ט ־ אָ נ ג ר י ף ־ אָ פּ מ אַ ך. זי האָט זיך אפּנים ווייניק אינטערעסירט מיט דעם גורל פון אירע ליידנדיקע „בלוט־ברידער"...

אָבער גראָד אין דעם מאָמענט ווען פוילן האָט באשלאָסן נישט קאַפּיטולירן פאַר היטלער־דייטשלאנד, גראָד אין דעם מאָמענט, ווען אויף די שלאכטפעלדער פון פוילן האָט זיך אָנגעהויבן די יושר־דיקסטע און די גערעכטסטע פון אלע מלחמות וואָס די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט, גראָד אין דעם דאָזיקן מאָמענט, האָט „געפּלאַצט" דאָס געדולד פון דער סאָוועטישער רעגירונג. זי האָט מער נישט געקענט זיך צוקוקן ווי די ווייס־רוסן און אוקראַאינער ווערן גערודפט... זי האָט געמוזט ר ע אַ ג י ר ן. אפילו ווען איר ארויסטריט באַדייט — סטראַטעגיש און פּאָליטיש — הילף פאַר דער פאַשיסטישער ארמיי. זי קען אָבער מער נישט צוקוקן זיך ווי אירע ברידער ליידן אין פוילן... זאָל זיין, אז איר אריינמאַרשירן אין פוילן ראַטעוועט דעם אלוועלטלעכן פאַשיזם פון א צעשמעטערנדיקער מפּלה, זאָל זיין, אז איר טריט העלפט היטלער־דייטשלאַנד צו זיגן — פאַרפאַלן. די הומאַניטאַרע, די מענטשן־ליבנדיקע מאָסקווער רעגירונג קען מער שוין איין מינוט נישט פאַרטראָגן די ליידן פון ווייס־רוסן און אוקראַי־נער. די מיניסטאָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג זיינען מענטשן מיט ווייכע בארמהערציקע הערצער. זיי פאַלן אין חלשות, זיי ווערט נישט גוט, ווען זיי דערזעען א טראָפּן אומשולדיק פאַרגאָסענע מענטש־לעכע בלוט, ווען זיי הערן ווי מ'רודפט מענטשן... זיי האָבן געמוזט אריינמאַרשירן אין פוילן, כדי באַפרייען די גערודפטע ווייס־רוסן און אוקראַאינער, הגם זייער אריינמארש האָט באדייט — באַפרייען די נאַציסטישע ארמיי, כדי איר, וואָס שנעלער אריבערשיקן אויף מערב, דאָרט, וואו פראנקרייך און ענגלאנד מאכן א פרואוו דורכצוברעכן דעם

פאַשיסטישן פראַנט, אריבערטראָגן די גערעכטעסטע און יושרדיקסטע פון אלע מלחמות אויף דער טעריטאָריע פון שונא גופא...

ווער קען ערנסט גלויבן אין דער דאָזיקער מעשה?

וועט דען יעצט געפירט א צווייטע וועלט־מלחמה צוליב פוילן, צוליב אוקראַינער, צוליב ווייס־רוסן, צוליב מזל־ברכה פון אן איינצעלנעם געררודפטן פאָלק? דער אויסגאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וועט דאָך דעצידירן אויף לאַנגע יאָרן דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיג אָדער מפלה פון היטלער־דייטשלאַנד, זיג אָדער מפלה פון פאַשיזם — דאָס איז דאָך דער איין־און־איינציקער ענין, וועלכן די נייע וועלט־מלחמה האָט צו דעצידירן. זיגט היטלער־דייטשלאַנד אין דער יעצטיקער מלחמה, זיגט אין אייראָפּע דער פאַשיזם, איז אַן אָך און א ווי צו אַלע אָן אויסנאַם פעלקער, צו די באַפרייטע דורך סאָוועט־רוסלאנד און צו די נישט „באפרייטע”, צו די, באַזיגטע ענגלענדער און פראַנצויזן און צו, די זיגרייכע דייטשע ארבעטנדיקע פאָלקסמאַסן. אַזאַ זיג וועט באַדייטן א בראָך פאַר אַלע פעלקער, פאַר דער ארבעטנדיקער מענטשהייט בכלל. יעדער באַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט, יעדער באַוואוסטזיניקער ארבעט־מענטש, ערלעכער רעוואָלוציאָנער, און אַנטי־פאַשיסט, אָן אונטערשיד צו ער איז א קריסט, אָדער א איד, אן אוקראַינער, א ווייס־רוס, אָדער א דייטש צו אן איטאַליענער, איז גרייט זיין אייגן לעבן מקריב צו זיין אין קאַמף קעגן פאַשיזם. אָבער יעדער איינער ערלעכער אנטי־פאַשיסט וועט דריי מאָל אויסשפּייען פון עקל און פאַראַכטונג, ווען ווער נישט איז וועט אים פאָרשלאָגן צו ראַטעווען זיך פערזענלעך, אויסצובעסערן זיין אייגן לעבן פאר דעם פּרייז פון העלפן דעם פאַשיזם צו באַזיגן די וועלט.

אויב די האַנדלונג הייסט פּאַראַט, ווען זי ווערט באגאנגען דורך א יחיד, האָט זי נישט קיין אַנדער נאָמען אויך דאַן, ווען זי ווערט באַגאַנגען דורך א רעגירונג...

לאָמיר אָננעמען, אַז ס'איזווירקלעך בעסער געוואָרן דאָס לעבן פון די אוקראַינער און ווייס־רוסן. אָבער דאָס איז דאָך דערגרייכט געוואָרן אויף דעם וועג פון העלפן דעם פאַשיזם צו באַזיגן די וועלט! אַזאַ האַנדלונג איז מיאוס און עקלדיק, נישט פּראָלעטאריש, נישט סאָציאַליסטיש.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז איר מאַרש אויף פוילן, איר הסכם צוזאַמען מיט היטלער־דייטשלאַנד צוטיילן און פאַרניכטן פוילן, האָט א גוואַלדיקע, מיליטערישע, סטראַטעגישע און

פּאָליטישע באַדייטונג. זי האָט זיך פונדעסטוועגן דעצידירט אויף אַזאַ טריט. סאָוועט־רוסלאַנד האָט געהאַט אַן אַנדער וועג: צו־הילף קומען פּוילן, וואָס האָט זיך פאַר־צווייפלט פאַרטיידיקט קעגן דעם היט־לעריסטישן באַפאַלער. זי וואָלט דאַדורך ווירקלעך געהאָלפן נישט בלויז די אוקראַאינער און ווייס־רוסן, נישט בלויז די אידן און פּאָליאַקן, נאָר אויך די דייטשן און די איטאַליענער, דער גאַנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט. זי וואָלט דורך אַזאַ הילף דער־פילט די האָפנונגען, וואָס מיר אַלע, וואָס דער גאַנצער אַנטי־פאַשיס־טישער וועלט־פּראָנט, האָט געהאַט אין באַצוג צו סאָוועט־רוסלאַנד. דורך אַזאַ הילף וואָלט סאָוועט־רוסלאַנד דערפילט די נישט־געשריבענע צוואה פון אירע בעסטע זין, פון אירע שענסטע גייסטער, וואָס האָבן מיט זייערע לעבנס באַצאָלט פאַר דעם זיג פון דער רוסלענדער רעוואָ־לוציע, וואָס האָבן מיט זייערע ביינער באַפרוכפּערט דעם באָדן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אַ סך עולות און זינד וואָלט אין אַזאַ פאַל רוסלאַנד פאַרגעבן געוואָרן...

די סאָוועט־רעגירונג האָט אָבער דעם דאָזיקן רומפּולן וועג נישט באַטראָטן.

קאפיטל 5

רוסלאַנד און דייטשלאַנד גיבן ארויס א געמיינזאַמע דעקלאַראַציע

סאָוועט־רוסלאנד האָט געהאט נאָך אַ ברירה. פאר איר איז געווען אָפן נאָך אַ וועג. דער וועג פון בלייבן נייטראַל. פון נישט אריינמישן זיך, פון שטיין אין א זייט. נישט צו העלפן, אָבער אויך נישט שטערן דער פוילישער פאַרטיידיקונג וואָס לענגער איינצוהאַלטן די פאַשיס־טישע מחבלים. נישט ארויסציען, אָבער האַלטן די גאַנצע צייט איר האַנט אויף דער שווערד — גרייט איר ארויסצוציען קעגן היטלער־דייטשלאַנד... אזא אויסוואַרטנדיקע פאַזיציע פון סאָוועט־רוסלאַנד באַדייט נאָך נישט, אז זי באטייליקט זיך אין דער מלחמה. זי באַדייט אָבער, אז זי קען זיך אין איר באַטייליקן. בלויז אַזאַ מעגלעכקייט וואָלט שוין געווען א באדייטנדיקע, א ממשותדיקע אונטערשטיצונג פאַר די כחות, וואָס קעמפן קעגן פאַשיזם. בלויז אַזאַ מעגלעכקייט וואָלט שוין אָפגעשוואַכט דעם אימפעט פון היטלער־דייטשלאַנד, איר געצוואונגען א באַדייטנדיקן טייל פון איר ארמיי האַלטן אין רעזערוו קעגן דעם עווענטועלן נייעם שונא, קעגן דער רויטער ארמיי. אָבער סאָוועט־רוסלאַנד איז אויך מיט דעם דאָזיקן וועג נישט אַוועק...

סאָוועט־רוסלאנד האָט אויסגעקליבן ד ע ם ד ר י ט ן וועג. דעם וועג פון וועלכן אונז אלעמען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. א וועג, פון וועלכן מיר אלע זיינען דערציטערט און פאַרצווייפלט גע־וואָרן. סאָוועט־רוסלאַנד האָט יאָ ארויסגענומען איר שווערד פון שייד. סאָוועט־רוסלאנד האָט יאָ ארויסגעשיקט אין שלאַכטפעלד איר רויטע ארמיי. אָ ב ע ר נ י ש ט כ ד י ב א ַ פ אַ ל ן ה י ט ל ע ר ־ ד י י ט ש ל אַ נ ד, נ אָ ר כ ד י א י ר צ ו ה ע ל פ ן. אָבער נישט כדי צו באַשיצן די, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט קעגן דעם אָנגריף פון היטלערן, נאָר כדי זיי פון הינטן צו באַפאַלן. נישט כדי צו באַפרייען די דייטשע ארבעטנדיקע מאַסן פון פאַשיזם, וואָס האָט זיי פאַרשקלאפט, נאָר כדי צו העלפן דעם פאַשיזם ארויפצוצווינגען זיין פינצטערע, זיין בלוטיקע ממשלה אויף נייע לענדער און אויף נייע צענדליקער מיליאָנען מענטשן...

סאָוועט־רוסלאַנד האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן טראַגישן, דעם דאָזיקן אומגלויבלעכן דריטן וועג...

סאָוועט־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד האָבן דערביי ארויס־געגעבן א געמיינזאַמע דערקלערונג. סטאַלין און היטלער האָבן דורך דער ראַדיאָ צו־וויסן געגעבן דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, אַז זיי האָבן באשלאָסן צו פאַראייניקן די ארבעט פון זייערע ארמייען, כדי „איינצופירן געזעצלעכקייט און אָרד־נונג אויף דעם שטח פון דער געוועזענער פוילישער רעפּובליק."

וואָלטן זיי בעסער געשוויגן...

סאָוועט־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד האָבן שוין נישט בלויז אַ שלום־אָפּמאַך. זיי האָבן שוין נישט נאָר געמאכט בשותפות אַן אָנפאַל אויף פוילן כדי איר צעטיילן צווישן זיך, זיי האָבן געמאַכט אַ נייעם טריט, א זייער באַדייטנדיקן טריט פאָרויס אויף דעם וועג, וואָס מוז דערפירן די רוסישע רעוואָלוציע צום אָפּגרונד. סטאַלין האָט געפונען די געמיינזאַמע שפּראַך מיט היטלערן. זיי ביידע האָבן אָנגעהויבן צו רעדן מיט געמיינזאַמע ווערטער, מיט א געמיינזאַמען לשון. זיי האָבן געפונען פאַר מעגלעך זיך צו ווענדן דורך דער ראַדיאָ צו דער גאנצער וועלט מיט אַ געמיינזאַמער, מיט א בשותפותדיקער פייערלעכער דעקלאַראַציע.

דעם דאָזיקן נייעם שריט איז ווערט אונטערצושטרייכן, ווייל קיין שום זאַך דעקט נישט אויף אזוי נאַקעט די אינטימקייט, די נאָענטע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן סטאַלינען און היטלערן, זייער פּסי־כישע און פיזישע דערנעענטערונג ווי די געמיינזאַמע שפּראַך.

בלויז מיט אַ געליבטער האָט מען א געמיינזאַמע שפּראַך.

מאָלאָטאָוו דערקלערט, אז סאָוועט־רוסלאַנד איז אריין אין פוילן באַפרייען די ווייס־רוסן און די אוקראַינער. זיי זיינען גע־רודפט געוואָרן דורך דער פוילישער פריציש־פאַשיסטישער רעאַקציע. די ווייס־רוסן און די אוקראַינער זיינען געווען קרבנות פון פאַשיזם. אָבער היטלער איז דאָך דער ראש פון אלוועלטלעכן פאַשיזם, פון דייטשן פונקט ווי פון דעם פוילישן. ווי קען געמאָלט זיין, אַז דער, וואָס באַפרייט די קרבנות פון פאַשיזם זאָל געפינען א געמיינ־זאַמע שפּראַך מיט דעם, וואָס קוילעט זיי, מיט זייער פאַשיסטישן פיי־ניקער? צי האָט שוין ווער געהערט וועגן א געמיינזאַמער שפּראַך

צווישן דעם באַפּאַלענעם און דעם רויבער? אָבער סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס איז ארויס ראַטעווען די, וואָס ווערן געדרודפט דורך דעם פאַשיזם, האָט פונדעסטוועגן געפונען א געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם אָטאַמאַן פון די פאַשיסטישע רויבער. סאָוועט־רוסלאַנד האָט געפונען די געמיינזאַמע שפּראַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, די שפּראַך, וואָס איז מעגלעך אויסשליסלעך צווישן... צוויי גלייכע...

דער קרבון, וואָס געפינט זיך אונטער דעם מעסער, שרייט דאָך גוואלד מ'זאָל אים ראַטעווען. דער גזלן אָבער הירזשעט פון פאַרגעניגן ווען ער דערשמעקט דעם ריח פון פריש בלוט. וואָס פאַר אַ געמיינזאמע שפּראַך קען זיין צווישן דעם קרבן און דעם גזלן? אָבער סטאַלין און היטלער האָבן אין א ג ע מ י י נ ז אַ מ ע ר דערקלערונג דורך דער ראַדיאָ פייערלעך אָנגעזאָגט דער איבעראַשטער וועלט, אז זייערע ארמייען האָבן די אויפגאַבע איינצופירן געזעצלעכקייט און אָרדנונג אין פוילן...

ו ו ע מ ע ס געזעצלעכקייט און ו ו ע מ ע ס — אָרדנונג?

היטלערס באַגריפן וועגן געזעצלעכקייט, וועגן אָרדנונג? דער פאַשיזם האָט „געזעצלעך" דערמאָרדעט מאַטעאָטי, „געזעצלעך" אונטערגעצונדן דעם בנין פון דייטשן פּאַרלאַמענט, כדי פאַרכאַפּן די מאַכט, „געזעצלעך" אדורכגעפירט אין היטלער־דייטשלאַנד דעם פּאָגראָם איבער דער אידישער באַפעלקערונג, „געזעצלעך" געברענט און פאַרניכטעט אידישע האָב און גוטס. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי „געזעצלעך" — הונדערטער טויזנטער דייטשע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן ווערן געפייניקט און פאַרפייניקט אין די פאַשיסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

מיר וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן די „אָרדנונג", וואָס דער פאַשיזם האָט געמאַכט אין עסטרייך, אין דער טשעכישער רעפּובליק, אין שפּאַניען, אומעטום, וואו זיין פאַרברעכערישע האַנט האָט נאָר געקענט דערגרייכן.

אָבער קיינער פון אונז, קיינער פון דער ברייטער אַנטי־פאַשיסטישער וועלט האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז ס'וועט קומען אַזאַ טראַגישער מאָמענט, ווען ס אָ ו ו ע ט ־ ר ו ס ל אַ נ ד וועט צוזאַמען מיט דעם מערדער פון די ווינער רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, צוזאַמען מיט דעם מערדער פון רעוואָלוציאָנערן שפּאַניען, דערקלערן בקול רם דער וועלט, אז זיי גייען געמיינזאם איינפירן „געזעצלעכקייט און אָרדנונג" אין פוילן, אין מזרח־אייראָפּע... וועמענס געזעצלעכקייט און ו ו ע מ ע נ ס אָרדנונג? וועט היטלער פון היינט אָן איינפירן סטאַלינס געזעצלעכקייט און סאָוועט־רוסלאַנדס אָרדנונג

דאָרט, וואו ער האָט זיין ממשלה באַגרינדעט? אָדער פאַרקערט? איז היטלער געוואָרן א קאָמוניסט? אדער — פאַרקערט? זאָל יעדער איינער אין זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, אין זיין אייגענעם געוויסן, געפינען אן ענטפער אויף דער פראַגע — ווען מ ע נ ס געזעצלעכקייט און ווען מ ע נ ס אָרדנונג פירן אריין די רויטע ארמייער צוזאַמען מיט די נאַציסטישע באַטאַליאָנען אין מזרח־אייראָפּע, אין אומגליקלעכן פוילן. היטלער־הערשאַפט אין פוילן וועט אויף א האָר נישט זיין ווייניקער גרויזאם צוליב דעם, וואָס די רויטע ארמיי איז געווען די אקושערין ביי איר געבורט. אָבער וואָס איז ווערט דער קאָמוניזם, וועלכן סטאַלין פירט איין אין זיין חלק פון געוועזענעם פוילן מיט דער ברכה פון היטלערן און פאַר דעם פרייז פון העלפן דעם פאַשיזם געווינען די מלחמה?

אומגליקלעך פוילן! — איך וויים, אַז די דאָזיקע באַצייכנונג וועט נישט איינעם פאַרוואונדערן. ס'איז די שולד, די שווערע און אומ־פאַרציילעכע זינד פון דער רעאַקציאָנערער, פוילישער רעגירונג, וואָס די גאַנצע אנטי־פאַשיסטישע וועלט האָט פוילן נישט ליב געהאַט. די אַלע, און זיי זיינען די מערהייט, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די באַפעלקערונג פון פוילן, איר ארבעטער און איר פויער, דער פוילישער האָרעפּאַשניק און דער פוילישער אינטעליגענט, דאָס גאַנצע פוילישע פאָלק האָט דעם זעלביקן שווארצן פנים, ווי די פוילישע רעגירונג — די אַלע זיינען נישט געווען קיין פריינט פון פוילן. די דאָזיקע שטימונג פּרובירט מען יעצט אויסנוצן. וואָס ווילט איר — טענהט מען, פוילן איז נישט געווען אסך בעסער פאַר דייטשלאַנד, וואָס נעמט איר זיך אזוי אָן פאַר פוילן?

לאָמיר זיך נישט שפּאַרן יעצט וועגן פוילן. זאָל זיין, אז אויך פוילן איז געווען אַ האַלב פאַשיסטישע, אָדער אינגאַנצן אַ פאַשיסטישע מלוכה. זאָל זיין, אַז ס'איז בכלל א מלחמה צווישן צ ו ו י י פאַשיסטישע מלוכות. דאַרף סאָוועט־רוסלאַנד שליסן מיט איינער פון זיי אן אָפּמאַך קעגן דער צווייטער? דאַרף רוסלאַנד שיקן איר מיליטער העלפן איין פאַשיסטישער מלוכה קעגן דער צווייטער? ווען סאָוועט־רוסלאַנד בלייבט אָן אַ זייט, מישט זיך אינגאַנצן נישט אריין אין דער מלחמה — לייגט זיך אויפן שכל דער תרוץ, אז ביידע צדדים זיינען פאַשיסטישע מלוכות. אָבער סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך דאָך יאָ ארייננגעמישט, האָט דאָך איין צד געהאָלפן. אָבער וועלכן צד?!

א בלינדער פאַרשטייט, אז דער זיג פון פוילן וואָלט נאָך נישט פאַשיזירט אייראָפּע. זיגט אָבער דער צווייטער צד, ד. ה. היטלער־

דייטשלאַנד, ווערט דער גאַנצער אייראָפּייאישער קאָנטינענט פאַשיזירט, איז די גאַנצע וועלט אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון פאַשיזם.

אָבער סאָוועט־רוסלאנד האָט געשיקט איר רויטע ארמיי צו העלפן דוקא דעם דאָזיקן צד, דוקא היטלער־דייטשלאַנד... פּונקט אזוי נאַיוו איז די פּריש־געבאַקענע טעאָריע וועגן צוויי אימפּעריאַליס־טישע רויבער, וואָס פירן יעצט א קאמף, אונז דארף אלזא נישט אָנגיין וועלכער רויבער וועט מנצח זיין... טיילוויז האָב איך שוין דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן פּשטל, וועלכער ווערט אגב באַפּוצט מיט כלומרשט מאַרקסיסטישע פּעדערן. לאָמיר אבער אויף א רגע מסכים זיין מיט דעם געדאַנק, אַז ס'קומט יעצט פאָר א געוויינלעכע מלחמה צווישן צוויי אימפּעריאַליסטישע צדדים. פארוואָס־זשע איז סאָוועט־רוסלאנד נישט געבליבן נייטראל? וואָס זוכט זי צו געווינען דורך ווערן א צד אין א פּשוטע אימפּעריאַליסטישע מלחמה? פארוואָס האָט סאָ־וועט־רוסלאַנד זיך אין אַזאַ מלחמה אריינגעמישט, געשיקט איר ארמיי און אידייאיש מאָביליזירט אלע אירע פריינט אין דער וועלט, כדי צו העלפן דוקא א י י ן צ ד פ ו ן ד י צ ו ו י י? און דער דאָזיקער צד וועמען סאָוועט־רוסלאנד האָט געשיקט צו הילף איר באוואפנטן כוח, מיט וועמען סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך פאַרבונדן, הייסט — ה י ט ל ע ר ־ ד י י ט ש ל אַ נ ד!

מאָלאָטאָוו האָט אין זיין דערקלערונג דערמאָנט ב ל ו י ז וועגן זיינע „בלוט־ברידער”, ווייס־רוסן און אוקראינער. אָבער די אידישע קאָמוניסטן האָבן צווישן די געראָטעוועטע אָנגעצייגט אויך א מיליאָן אידן, וואָס לעבן, אָדער האָבן געלעבט, אויף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער פּוילישער רעפּובליק. דער מאָטיוו „גוט פאר אידן” איז דורך זיי אריינגעפירט געוואָרן אין וכוח, אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויפן מאַרק. אויף דעם דאָזיקן מאָטיוו מוז איך זיך אָפּשטעלן ברייטער.

קאפיטל 6

גוט פאַר אידן ?

די געשיכטע איז דורכגעוויקט מיט א י ד י ש ב ל ו ט. די דאָזיקע פליסיקייט איזווירקלעך צו אָפט באַנוצט געוואָרן ווי א ו י ל אויף די רעדער פון דעם וואָגן, וואָס האָט געשלעפּט די מענטשהייט באַרג־ארויף צו העכערע פאָרמען פון שאַפן און פון לעבן. אויך דער קאַמף פון אונזער דור, אונזער אייגענער מאַרש צום לאַנד פון סאָציאַליזם, איז נישט קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כלל. אויך פאַר אים צאָלן די אידישע פאָלקס־מאַסן מ ע ר ווי אנדערע. זיי זיינען די ערשטע קרבנות פון דער רעאַקציע. זיי זיינען אלעמאָל געווען די ערשטע אין קאַמף קעגן איר. זיי זיינען דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט. פאַר אַזאַ ארויסגערוקטע פּאָזיציע האָבן זיי שטענדיק באַצאָלט און צאָלן היינט נאָך מיט זייער אייגן ב ל ו ט.

אפנים, אַז ס׳זיינען ווירקלעך פאַראַן באַזונדערע מזלות פון פעל־קער. פּונקט ווי פאַליאַקן קומט אויס, מער און אָפטער ווי א וועלכער נישט אנדער נאַציע אין אייראָפּע, צו בלוטיקן פאַר זייער רעכט אויף מלוכישער זעלבסטשטענדיקייט, אזוי איז אויסגעפאַלן דאָס מזל פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע צו פאַרנעמען א ספּעציעל בלוטיקן אדער פאַרבלוטיקטן אָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. שוין דורות לאַנג ווי אידן ווערן באַוואָרפן מיט די שמוציקסטע רכילות, מיט די נידערטרעכטיקסטע בילבולים. דער אידישער נאָמען ווערט אויסגענוצט דורך די רעאַקציאָנערע כוחות, דורך שוואַרץ־מאהניקעס מכל המינים. ער פאַרנעמט א בכבודיקן אָרט אין זייער ליטעראַטור, אין זייער גאַנצער וועלט־באַנעמונג! צו אַ לאַגע, אַז רעאַקציאָנערן און שונאים פון דער מענטשהייט, זאָלן זיך באנוצן מיט דעם אידישן ארגומענט — זיינען מיר געוואוינט שוין פון לאַנג...

אָבער צום ע ר ש ט ן מאָל טרעפט זיך, אז מענטשן, וואָס שטאַמען אליין פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אז מענטשן, וואָס האַלטן זיך אליין פאַר פרייהייטס־קעמפער, זאָלן מיט דעם אידישן ארגומענט פּרובירן מאַכן ווייס אַ זאַך, וואָס איז שוואַרץ, פּרובירן כשרן א זאַך, וואָס איז טריף, פּרובירן באַרעכטיקן הילף פאַר דעם שונא

נומער איינס פון דער גאַנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט, ה י ל ף און קאָאָפּעראַציע מיט היטלער־דייטשלאַנד.

גרויס און טיף איז דער ים פון צרות און פון פּיין, פון בלוט און פון טרערן, אין וועלכע ס׳באָדן זיך היינט די אידישע פאָלקס־מאַסן. נישטאָ אַזאַ פאַרברעכן, וואָס ווערט לגבי זיי נישט באַגאַנגען דורך דער פאַשיסטישער רעאַקציע. אָבער אפנים, אז דער בעכער איז נאָך אלץ נישט פול געוועזן. אַן אויסטערלישער, אַן אויסגעלאַסענער שדים־טאַנץ קומט יעצט פאַר ארום די צרות פון די אידישע מאַסן. מענטשן נוצן אויס די ליידן, די אומענדלעכע יסורים פון דער אידישער באַפעלקערונג פאר אַן אומערלעכער, נאַציאָנאַליסטישער קאַמפּאַניע צו באַרעכטיקן... הילף און שטיצע דעם פאַשיזם! דאָס פלוצימדיקע ארויספאַלן פון סאָוועט־רוסלאנד פון די אַנטי־פאַשיסטישע רייען האָט אויפגעהויבן אַזאַ גרויסן שטויב, אַז ס׳איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אין דער פינצטערניש אין דעם תוהו־ובוהו פון געדאַנק און געפיל, פון באַגריפן און ווערטער, איז מעגלעך געוואָרן אפילו אַזאַ ווילדע, אַזאַ אומנאַטירלעכע צונויפּפּאַרונג ווי — אידישע אינטערעסן און די אינטערעסן... פון פאַשיזם.

אָבער לאָמיר בארואיקן אונזערע געפילן. לאָמיר זאַכלעך זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם א. ג. אידישן אַרגומענט.

ס׳איז איבעריק נאָכאמאָל צו באַווייזן, אז דער גורל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז אויף דעם ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער גאַנצער ארבעטנדער מענטשהייט. זיג פון רעאַקציע באַדייט קנעכטשאפט אויך פאַר דער אידישער מאַסע. טריאומף פון פאַשיזם איז דער גרעסטער אומגליק, וואָס ס׳קען טרעפן אויך די אידישע באַפעלקערונג. מפּלה פון פאַשיזם, דער זיג פון דעמאָקראַטיע, פון פרייהייט, איז די רעטונג, די אויסלייזונג אויך פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

קען זיין גוט פאַר אידן, ווען די ראַפינירטסטע און שוואַרצסטע פאָרם פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, ווען דער היטלעריזם זאָל מנצח זיין אין דער יעצטיגער בלוטיקער וועלט־פאַרמעסטונג?

זיבעצן מיליאָן אידן זיינען פאראַן אויף דער וועלט. זיי זיינען פארמשפּט אויף אונטערגאנג, אויף אויסראָטונג, אויב דער פאַשיזם זאָל זיגן. זיי קענען אָבער געראַטעוועט ווערן, ווען דער פאַשיזם פאַר־שפּילט, ווען די דעמאָקראַטיע, די ארבעטנדיקע מאַסן ווערן באַלעבאַטים פון דער וועלט. זאָל זיין, אז א מיליאָן אידן, וואָס געפינען זיך אויף

דעם שטח, וואָס רוסלאַנד האָט אָקופּירט, ווער זיך יעצט לעבן בעסער, לאָמיר זיך וועגן דעם יעצט נישט שפּאַרן. וויכטיק און דעצידירענדיק איז אָבער, וואָס פאַר אַ פּרייז איז דערפאַר באַצאָלט געוואָרן? אויב דער פּרייז איז — העלפן פּאָליטיש, ווירטשאַפטלעך און מיליטעריש היטלער־דייטשלאַנד, העלפן דעם פאַשיזם באַזיגן די וועלט, באַדייט דער דאָזיקער פּרייז, אַז זעכצן מיליאָן אידן זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן, כדי איין מיליאָן אידן זאָל קענען איבערכאַפּן דעם אָטעם. באַדייט דער דאָזיקער פּרייז, אַז צוליב איין מיליאָן אידן זיינען געשטעלט געוואָרן אין אַ טויט־סכנה די אינטערעסן פון הונדערטער מיליאָנען ארבעטער פון דער וועלט, זיינען געשטעלט געוואָרן אין אַ סכנה די לעבנס־אינטערעסן פון די 170 מיליאָן מענטשן, וואָס באַוואוינען דעם שטח פון סאָוועט־רוסלאַנד גופא.

וואָלט זיך ווירקלעך געפונען כאָטש איין באַוואוסטזיניקער, איין סאָציאַליסטיש־געשטימטער מענטש צווישן דעם איין מיליאָן געראַ־טעוועטע אידן, וואָס וואָלט געהאַט די דרייסטקייט, די חוצפּה צו פאַר־לאַנגען פון סאָוועט־רוסלאנד זי זאָל אים ראַטעווען פאַר אַזאַ טייערן, פאַר אַזאַ אומדערלאָזבאַרן פּרייז?

דערמאָנט אייך ווי באַצייכנט איר, ווי באַצייכנט יעדער ערלעכער ארבעטער־מענטש יענעם „רעוואָלוציאָנער", וואָס ראַטעוועט זיין איי־גענע הויט דורך פאַרקויפן און פאַרראַטן די אינטערעסן פון כלל. פאַרטאָפּלט, פאַרצענפאַכט אייער פאַראַכטונג און אייער עקל צו אַזאַ טאַט, ווען זי ווערט באַגאַנגען נישט דורך אַ יחיד, נאָר דורך אַ רעגירונג פון אַ גרויסער מלוכה און איר ווער זיין אויף דעם ריכטיקן וועג...

ווי אזוי וואָלטן געהאַנדלט די, וואָס טרייסטן זיך יעצט, אַז „ס'איז גוט פאַר אידן", ווען זיי וואָלטן אליין געווען ביים רודער פון דער סאָוועטישער מלוכה, ווען זיי וואָלטן אליין פאַרנומען די ערטער פון סטאַלינען און מאָלאָטאָוון?

פאַר זיי שטייען אָפּן צוויי וועגן: קעמפן צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַנטי־פאַשיסטישער וועלט קעגן היטלער־דייטשלאַנד, שלאָגן און דערשלאָגן דעם אלוועלטלעכן פאַשיזם, אדער — ווערן דער פּאָליטישער און מיליטערישער שותף פון פאַשיזם, פאַרהיטן אים פון אַ מפּלה, צוהעלפן אים באזיגן די וועלט, פאַר דער... געלעגנהייט פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַ מיליאָן אידן?

מיט וועלכן וועג וואָלטן זיי אליין אוועקגעגאַנגען? אויף וועלכן פון די צוויי וועגן וואָלטן זיי אליין פאַרקירעוועט דעם וואָגן פון זייער אייגענער האנדלונג?

וועלכן וועג פאר סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זיך געוואונטשן די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאַסן צווישן די פאַרבליבענע זעכצן מיליאָן אידן, וועגן וועלכן וועג זיי האָבן געטרוימט פאר דאָס לאַנד פון דער גרויסער רעוואָלוציע, איז איבעריק א וואָרט צו פאַרלירן.

אָבער וועלכן וועג וואָלטן אויסגעקליבן, ווען מ׳וואָלט זיי געפרעגט דער איין מיליאָן „געראַטעוועטע" אידן? איך קאָן זיי, איך בין אליין איינער פון זיי, און איך צווייפל נישט קיין איין מינוט אין דעם ענטפער, וואָס די בעסטע זין און טעכטער פון דעם דאָזיקן מיליאָן אידן וואָלטן געגעבן...

אין די ערשטע טעג און וואָכן פון דער יעצטיקער וועלט־מלחמה, ווען פאַר דער גאַנצער אַנטי־פאַשיסטישער וועלט, האָט זיך אָנגעהויבן אויפדעקן דער בראָך, די טראַגעדיע פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין א שטעטל פון ניו־ענגלאנד. איך האָב זיך צוגעהערט צו אַ געשפרעך פון אַן אַלטן אָנגעזעענעם אידישן סאָציאַ־ליסט מיט א גרופע ארבעט־און־פאַלקס־מענטשן, אויף דער טעמע — „גוט פאר אידן". דער דאָזיקער אָנגעזעענער אידישער ארבעטער־טוער האָט באַקומען זיין סאָציאַליסטישע דערציאונג אין „בונד" מיט 35 יאָר צוריק. ער האָט עמיגרירט נאָך א אינגל און פון דעם מאָ־מענט אָן נישט געווען און נישט געזען זיין אַלטע היים. צו חלום איז זי אָבער אים זייער אָפט געקומען... „הערט, איך וויל איר זאָלט פאַר־שטיין" — האָט ער אָנגעהויבן — „איך האָב דאָרט מיין מוטער, וועלכע איז יעצט אַלט 76 יאָר. זי וואוינט אין אַ שטאָט פון ווייס־רוסלאַנד, וואָס איז יעצט פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי. איך האָב דאָרט אויך אַ ברודער. איר קענט אייך פאָרשטעלן ווי כ׳האָב זיי ליב... איך האָב זיי שוין ניט געזען 35 יאָר, ס׳איז אָבער נישט געווען אַזאַ טאָג, אַז איך זאָל וועגן זיי נישט דענקען, נישט זאָרגן... ווען מ׳זאָל אָבער מיר פרעגן, וואָס ווילסטו בעסער: דער פאַשיזם זאָל זיגן אין דער יעצטיקער מלחמה און דיין מוטער בלייבט לעבן, אָדער אַ מפּלה דעם פאַשיזם און דיין מוטער שטאַרבט — וואָלט איך אויס־געקליבן דעם טויט פון מיין מוטער..."

אַלע זיינען פלוצלינג אנטשוויגן געוואָרן, אַלע האָבן אים פלוצלינג — פאַרשטאַנען...

אפשר וואָלט געווען א יושר, אז אויך די אַלע, וואָס רוקן ארויס דעם ארגומענט „גוט פאַר אידן", זאָלן — אַנטשוויגן ווערן? אפשר וואָלטן זיי אויפגעהערט צו מאַכן אַ זאַ געפילדער ארום סאָוועט־רוסלאנד, אונזער אלעמענס טראַגעדיע?! ארום א קבר, וואו ס'זיינען באַגראָבן האָפנונגען פון א גאנצן דור, די טרוימען און טרערן פון מיליאָנען געפייניקטע און געדרודפטע, דארף מען זיך פאַרהאַלטן שטיל, שטילער, נישט מאכן אזא טומל...

אפשר וואָלטן זיי ענדלעך פאַרשטאַנען דעם גוואַלדיקן ווייטאָג, די אומגעהויערע באַליידיגונג, די שרעקלעכע פאַרשוועכונג פון די וואונדן, וואָס בלוטיקן נאָך אויף אונזער קערפּער, בעת זיי מאַכן א פּרואוו צו באַרעכטיקן מיט א ו נ ז ע ר ט ו ב ה מ י ט ד ע ר ט ו ב ה פ ו ן ד י ק ר ב נ ו ת, די הילף פון סאָוועט־רוסלאנד פאַר דעם פאַשיזם?

אפשר וואָלטן זיי ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז צו דעם וועלט־געשיכט־לעכן פאַקט פון סאָוועט־רוסלאַנדס פרידלעכער קאָאָפּעראַציע מיט היט־לער־דייטשלאַנד קען מען נישט צוגיין מיט א מאַסשטאַב פון א גמרא־פּשטל?

ווען ס'האָט ענדלעך געשלאָגן די שעה און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע גערעכטע און די סאַמע יושרדיקסטע פון אַלע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט, ד י מ ל ח מ ה ק ע ג ן פ אַ ש י ז ם, האָט סטאַלין אַ קער געטאָן פלוצלינג די רויטע ארמיי נישט קעגן פאַשיזם נאָר קעגן... די, וואָס באַקעמפן דעם שונא נומער איינס פון דער גאַנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט.

אַזאַ וועלט־געשיכטלעכע דערשיינונג קען מען נישט מעסטן און אויסמעסטן מיט פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אפילו נישט מיט דעם גורל פון דעם אָדער יענעם טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

קאַפּיטל 7

דייטשלאַנדס זיג — די גרעסטע סכנה פאַר סאָוועט־רוסלאַנד

איך וואונדער זיך נישט, איך האָב נישט קיין פּאַראַיבל אויף די, וואָס זוכן, א וועלכע נישט איז לאָגישע, א וועלכע נישט איז פּראָלע־טאַרישע, פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פאר דעם אויסטערלישן טריט, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד, אונטער דעם טייטל פון סטאַלינען, האָט געמאכט. דער טריט איז אַזאַ ווייטיקדיקער, אזא שמערצלעכער, אז פּשוט דער זעלבסט־דערהאַלטונג אינסטינקט שטויסט מענטשן, וואָס האָבן געלעבט און געאָטעמט א לעבן־לאַנג מיט דער האָפנונג אויף סאָוועט־רוסלאַנד, אויף איר מיסיע אין דער וועלט, צו פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט צו זען דעם חורבן פון זייער אייגענעם גלויבן...

דער קער פון סאָוועט־רוסלאַנד איז אַזאַ פּלוצלומדיקער, אזא אומ־גלויבלעכער, אזא אומדערוואַרטעטער, אַז א סך זוכן באַהאַלטענע כונות ביי סטאַלינען, זוכן באַהאַלטענע מאָטיוון...

איך פאַרשטיי זיי...

אָבער דער אמת, די טראַגישעווירקלעכקייט קלאַפּט אזוי שטארק, אַז ס׳איז שווער צו האַלטן פאַרשפאַרט די טיר.

אגב, ס׳איז גלייכער איר צו עפענען, כדי באצייטנס אריינלאָזן דעם אמת, ווי טראַגיש ער זאָל נישט זיין. פאַרשטיין די ווירקלעכקייט, ווי שווער זי זאָל נישט זיין, איז געזונטער ווי לעבן אין די פּאַלאַצן פון הערלעכסטן חלום... בפרט פאר ארבעטער־טוער, פאר רעוואָלו־ציאָנערן, וואָס דאַרפן נישט בלויז טרוימען וועגן א יושרדיקע, א גערעכטע וועלט, נאָר אזא וועלט אויסקעמפן, אזא וועלט פארווירק־לעכן... מיר מוזן דעריבער זיך געניי פאַנאַנדערקלייבן אין די וויכ־טיקסטע ארגומענטן און תרוצים, וועלכע דאָס געפייניקטע געוויסן און א לאנגיאָריקער אויסגעהאָדעוועטער גלויבן, האָבן ארויסגערוקט כדי צו באַרעכטיקן דעם צוזאמענמאַרשירן פון סאָוועט־רוסלאנד מיט היטלער־דייטשלאַנד.

לאָמיר אָנהויבן פון סאָוועט־רוסלאַנדס מלוכה אינטערעסן. איר זעלבסטשטענדיקייט, איר גאנצקייט, איר זיכערקייט, האָבן

כלומרשט געפּאָדערט אַ שלום־אָפּמאַך מיט היטלער־דײַטשלאַנד.

די פּראָלעטאַרישע וועלט האָט רעכט צו פאַרלאַנגען פון אַ פּראָלעטאַרישער רעגירונג, אַז איר אויסלענדישע פּאָליטיק זאָל נעמען אין באַטראַכט נישט בלויז אייגענע מלוכה־אינטערעסן, נאָר רעספּעקטירן די אינטערעסן פון פרייהייט, פון דעמאָקראַטיע, פון קאַמף קעגן פאַשיזם אין דער גאַנצער וועלט. בפרט, אַז פון אַ ברייטן, היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, איז בכלל נישט מעגלעך צו קאָנסטרואירן אַ סתירה צווישן די אייגענע אינטערעסן פון אַזאַ מלוכה און די אינטערעסן פון פרייהייט, פון דעמאָקראַטיע, פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט בכלל.

פאַרוואָס זײַנען מיר אייגנטלעך געווען אַזוי געטראָפן, אַזוי פּײַנלעך און שמערצלעך באַליידיקט פון דעם פאַראַיאָריקן מינכענער פאַרראַט?

פון זייער עגאָאיסטישן מלוכה־שטאַנדפּונקט איז טשעמבערלעין, איז דעלאַדיע, אפשר גאָר נישט געווען מחויב מלחמה האַלטן צוליב טשעכאָסלאָוואַקיע. מיר וואָלטן נישט אַרויס אַזוי שטאַרק פון די כלים צוליב זייער מינכענער פּאָליטיק, ווען אַ דאַנק איר וואָלט פאַרשטאַרקט געוואָרן סתם אַ דײַטשלאַנד. אונז האָט אָבער געאַרט און בלוטיק פאַרדראָסן, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרײַך האָבן בידים אומגעהויער פאַרשטאַרקט — היטלער־דײַטשלאַנד.

אונז האָט דענסמאָלט פאַרדראָסן נישט סתם די קלענער־געוואָרענע קראַפט פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך, נאָר דער אומגעהויער אויסגעוואַקסענער רעאַלער כוח פון טריאומפירנדיקן פאַשיזם. מיר האָבן פאַרדאַמט טשעמבערלעינס און דעלאַדיעס מינכענער פּאָליטיק, נישט דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַנטי־ענגליש, אָדער אַנטי־פראַנצויזיש, נאָר דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַנטי־דעמאָקראַטיש, ווייל זי איז געווען וואַסער אויף דער מיל פון אַלוועלטלעכן פאַשיזם.

אויב מיר האָבן אַלע געפילט, אַז מיר זײַנען באַרעכטיקט צו האָבן אַזעלכע טענות צו דער ענגלישער און צו דער פראַנצויזישער רעגירונג, האָבן מיר אודאי און אודאי רעכט צו האָבן צען מאָל מער טענות צו אַ רעגירונג, וואָס האַלט זיך פאַר אַ פּראָלעטאַרישע, צו דער רעגירונג פון סאָוועט־רוסלאַנד, פאַר אירע האַנדלונגען וואָס פאַרשטאַרקן דעם פאַשיזם.

ס'איז געווען און ס'איז אונזער רעכט, פאָדערן פון סאָוועט־רוסלאַנד, און ס'איז געווען און ס'איז איר חוב צו פירן אַזאַ

וועלט־פּאָליטיק, וואָס שפּילט אויף דער האנט נישט בלויז אירע אייגענע מלוכישע אינטערעסן, נאָר דער פרייהייט, דער דעמאָקראַטיע בכלל.

אָבער לאָמיר לאָזן אין א זייט די דאָזיקע טענה. די צייט באַלע־וועט אונז נישט און מיר זיינען צוגעוואוינט אראָפּצולאָזן פון חשבון... לאָמיר מסכים זיין מיט די יעניקע, וואָס האַלטן, אז די מלוכהשע אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאנד זיינען בילכער ווי אַלץ אין דער וועלט. מיט אלע אירע חסרונות און פעלערן — איז סאָוועט־רוסלאנד טענה׳ן זיי, פאַרט דאָס איינציקע לאנד, וואו ס׳ווערט געבויט סאָציאליזם, וואו אנטיסעמיטיזם איז נישט בנמצא א. אז. וו.

אָפּהיטן די גאַנצקייט און די אומבאַרירלעכקייט פון אַזאַ לאַנד — איז די גרעסטע רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע מצוה. סטאַלין האָט געמעגט שליסן אן אָפּמאך אפילו מיט דעם טייפל אליין, אפילו מיט היטלערן, כדי צו באוואָרענען און באַשיצן די גאנצקייט פון סאָוועט־רוסלאַנד.

צו זיינען אָבער ווירקלעך זיכערער געוואָרן די גרעניצן פון סאָוועט־רוסלאַנד אַ דאַנק סטאַלינס שלום מאכן און חברן זיך מיט היטלערן?

דער ראש פון אלוועלטלעכן פאַשיזם, אַדאָלף היטלער, האָט נישט איינמאָל דערקלערט בקול רם, אז דאָס דייטשע פאָלק — דיקטאַטאָרן און טיראַנען ריידן קיינמאָל נישט ווייניקער ווי אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק — קען נישט לעבן אָן... די פעלדער פון אוקראַינע און די נאַטירלעכע רייכטימער פון די אוראַלער בערג. דער פאַשיזם האָט עפנטלעך דעמאָנסטרירט זיין אפּעטיט, זיין חשק אראָפּצושלינגען און פאַרדייען נישט ווייניקער ווי... דעם גאַנצן אייראָפּייאישן טייל פון רוסלאנד, ווייל די אוראלער בערג געפינען זיך שוין... אויף דער שוועל פון סיביר. ס׳איז איינער פון די זעלטענע פאַלן, ווען ס׳איז נישטאָ קיין גרונט אים נישט צו גלויבן, נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיין אפּעטיט...

וואָס קען פארזיכערן, וואָס קען גאַראַנטירן סאָוועט־רוסלאנד קעגן דעם דאָזיקן ערד־הונגער פון דער פאַשיסטישער בעסטיע? סטאַלין האָט באַקומען פון היטלער־דייטשלאנד א שריפטלעכע פאַרפליכטונג אויף צען יאָר. אדאָלף היטלער גיט זיין „ערן־וואָרט", שרייבט זיך אליין אונטער, אז 10 יאָר וועט ער נישט אָנגרייפן סאָוועט־רוסלאנד... כ׳האָב פיינט א „לייכטן דזשאָב" און דעריבער וועל איך זיך נישט ווילצלען יעצט וועגן ווערט פון דעם דאָזיקן אָפּמאך. נישט נאָר אין דער גאַנצער וועלט, אין קרעמל גופא, איז נישטאָ קיין איין מענטש

— וואָס זאָל האַלטן, אַז אין היגזיכט פון גאַראַנטירן די גאַנצקייט פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז דער אָפּמאַך ווערט מער ווי דאָס פּאַפּיר אויף וועלכן ער איז געשריבן געוואָרן.

נישט פּאַראַגראַפן און אָפּמאַכן, נאָר איר — ר ע א ַ ל ע ר כ ו ח וועט פאַרזיכערן דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע, וועט איר באַשיצן און באַוואָרענען קעגן איר געשיכטלעכן אַנטאַגאָניזם — קעגן דעם פאַשיזם. די שוואַכקייט פון פאַשיזם איז נישט בלויז די בעסטע, נאָר די איינציקע גאַראַנטיע פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. כל־זמן היטלער־דייטש־לאַנד איז נאָך נישט גענוג ש ט אַ ר ק אָנצוגרייפן זיינען די גרענעצן פון סאָוועט־רוסלאַנד געזיכערט. ו ו אָ ס ש ט ר ק ע ר ה י ט ־ ל ע ר ־ ד י י ט ש ל אַ נ ד ו ו ע ר ט אַ ל ץ אַ ג ר ע ס ע ר ע ר ע אַ ל ע ס כ נ ה ד ר אָ ט ס אָ ו ו ע ט ־ ר ו ס ל אַ נ ד.

לאָמיר זיך יעצט פאָרשטעלן, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט דער־אָבערט, א דאַנק איר אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, נישט בלויז א האַלב פּוילן, נאָר דעם גאַנצן אמאָליקן געביט, וואָס האָט געהערט צו דער צאַרישער מדינה, אַז אלע קליינע באַלטישע מלוכהלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען צוריק א באַשטאַנדטייל פון סאָוועט־רוסלאַנד. וואָס וועט דאָס אַלץ איר העלפן קעגן א זיגרייכער היטלער־דייטשלאַנד? פעלט דען סאָ־וועט־רוסלאַנד ערד, רוי־שטאָפן? פעלט איר דען שטחים וואוהין צו לויפן, וואוהין אַנטלויפן, אין פאַל ווען דער מלחמה־מזל צווינגט צו אַזאַ סטראַטעגישן ריקצוג? וועט סאָוועט־רוסלאַנד זיין בכוח צו באַשיצן איר גאַנצקייט, איר אומבאַאירלעכקייט, אויב היטלער־דייטש־לאַנד וועט אַרויס פון דער יעצטיגער וועלט־מלחמה ווי א זיגער? אויב זי וועט צעקלאַפּן פראַנקרייך, צעברעקלען און אָוועקשטעלן אויף די קני די ענגלישע אימפּעריע, באַהערשן גאַנץ אייראָפּע, און מיט דער הילף פון אייראָפּייאישן קאָנטינענט — באַהערשן די וועלט? איז דען מעגלעך, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל זיין א י מ ש ט אַ נ ד א י י נ ע א ל י י ן זיך אַנטקעגן־שטעלן א פאַשיסטישער אייראָפּע אין וועל־כער היטלער־דייטשלאַנד וועט אומבאַגרענעצט באַלעבאַטעווען? ווען פראַנקרייך און ענגלאַנד, ווען די גאַנצע וועלט, וועט ווערן באַזיגט דורך היטלער־דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועט בלייבן אויג אויף אויג מיט אַזאַ דייטשלאַנד, — וועט קומען — א י ר ר י י ע. זי וועט אָנגעגריפן ווערן דורך היטלער־דייטשלאַנד. אירע „פאַרדינסטן" לגבי דעם פאַ־שיזם, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַן עת־צרה, וועלן איר פונקט אַזוי וויניק ראַטעווען, ווי די פאַרדינסטן פון פּוילישן אויסערן־מיניס־טער בעק, וועלכער האָט יאָרן נאָכאַנאַנד געפירט א ליבע מיט היטלער־

דייטשלאַנד. נישט נאָר צוליב די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע און פרייהייט, נישט נאָר צוליב דער ארבעטער־באַוועגונג, צוליב דעם גורל און דער צוקונפט פון דער וועלט, האָט סאָוועט־רוסלאנד זיך געדארפט געפינען אין אן ענגן פאַרבאַנד מיט די כוחות, וואָס באַקעמפן דעם פאַשיזם. ד י ע ל ע מ ע נ ט אַ ר ע ל ע ב נ ס־ א י נ ט ע ר ע ס ן פ ו ן ר ו ס ל אַ נ ד ג ו פ אַ, פ ו ן ר ו ס־ ל אַ נ ד ו ו י אַ מ ל ו כ ה, האָבן דרינגענד געפאָדערט און פאָדערן נאָך יעצט שטארקער ווי פריער, אַז היטלער־דייטשלאַנד זאָל ארויס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה א צעקלאפטע, א באזיגטע, אז דער היטלעריזם זאָל פאַרניכטעט ווערן.

אירע א י י ג ע נ ע מלוכה־גרענעצן, שוין נישט רעדנדיק וועגן סאָציאַליסטישן כלל פון זעלבסטבאַשטימונג, רעכט פאַר פעלקער, זיינען זיכערער, ווען עס עקזיסטירט א זעלבסטשטענדיק פוילן. ווען פוילן זאָל קיינמאָל אויף דער וועלט נישט זיין, וואָלט רוסלאַנד געדאַרפט אויסטראַכטן אָדער צוטראַכטן אַ פוילן, ד. ה. א מלוכה, וואָס זאָל איר אָפּטיילן פון איר פאַשיסטישן שכן, וואָס זאָל אים באַ־ שווערן און קאָמפּליצירן דעם באַוואָפנטן איבערפאַל אויף סאָוועט־ רוסלאַנד. רוסלאַנד דאַרף האָבן אַ געמיינזאמע גרענעץ מיט היטלער־ דייטשלאַנד, וואָס זאָל זיך ציען אויף א סך הונדערטער מייל, פונקט אזוי ווי א געזונטער מענטש דאַרף אן אייטערדיקע מכה אונטער זיין אָרעם. אָבער ס ט אַ ל י ן איז אפשר א גוטער פאַרשווערער, אפשר אן אויסגעצייכנטער קאָנספּיראַטאָר. ער איז אָבער נישט ק י י ן מ ל ו כ ה ־ מ אַ ן. אנשטאָט אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס היט־ לער־דייטשלאַנד האָט זיך ארייַנגעפּלאָנטערט אין א בלוטיקע מיליטע־ רישע אוואנטיורע מיט די צוויי גרעסטע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע מלוכות פון אייראָפּע, אנשטאָט איינמאָל פאר אלעמאָל אויסהאַקן דער פאַשיסטישער חיה די ציין, אָפּשניידן איר די נעגל, מאכן איר אומ־ שעדלעך — האָט סטאַלין געשלאָסן אן אָפּמאַך מיט היטלערן. אנ־ שטאָט העלפן פוילן פארטיידיקן איר זעלבסטשטענדיקייט — געהאָלפן היטלערן פאַרניכטן פוילן. אנשטאָט ווערן דער באַשיצער פון אַלע מיטעלע און קליינע מלוכות, אויף וועלכע ס׳ציטערט די הויט פון שרעק, אז די פאַשיסטישע חיה זאָל זיי איינע נאָך דער אנדערער נישט פאַרצוקן — אליין גענומען בשותפות מיט היטלערן זיי שלינגען און זיך... פאַסמאקעווען.

אנשטאָט האַלטן דעם פאַשיזם, וואָס ווייטער פון די אייגענע גרע־ נעצן, זיך באַזאָרגט מיט אַ לאַנגע, ווי דער אידישער גלות, בשותפות־ דיקער גרענעץ מיט היטלער־דייטשלאַנד.

ס׳איז מער ווי א לייכטזין: אפילו פון שטאַנדפּונקט פון די סאָוועטישע מלוכה־אינטערעסן, איז סטאַלין באַגאַנגען אַ שווערן פאַרברעכן לגבי זיין פאָטערלאַנד.

איך באַוואָרן זיך נאָכאַמאָל: בלויז כדי זיך צופּאַסן צו דעם געדאַנקען־גאַנג, צו דער אייגנאַרטיקער מענטאַליטעט פון די, וואָס האַלטן, אז די מלוכהשע אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען וויכטיקער ווי אלצדינג, אז איר טובה איז דער בעסטער געזעץ, דער וויכטיקסטער מאָראַלישער כלל פאר יעדן רעוואָלוציאָנער, האָב איך זיך באַמיט צו באַווייזן, אז יעדער פרעמיער־מיניסטער פון רוסלאַנד, אז יעדע רוסישע רעגירונג, וואָס וואָלט געהאַנדלט אזוי לרעה די אינטערעסן פון אייגן לאַנד, ווי דאָס האָט געטאָן סטאַלין דורך זיין אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, דאַרף געמשפּט ווערן פאַר פאַרראַט...

פאַר מיר זיינען די אינטערעסן פון פרייהייט אויף דער וועלט, די אינטערעסן פון דער ארבעטער־באַוועגונג, די אינטערעסן פון סאָציאַליזם, נישט ענינים וואָס קענען צוליב וואָס נישט איז געאָפּפערט ווערן אויף א וועלכן נישט איז מזבח. דער נאָז עקזיסטירט נישט צוליב דער טאַבאַק־פּושקע. סאָוועט־רוסלאַנד האָט פאַר מיר געהאַט א גרעסערן ווערט ווי אַן אַנדער מלוכה נאָר אויף אזויפיל אויף וויפיל זי האָט געדינט מער ווי אן אנדער מלוכה די אינטערעסן פון פרייהייט, פון דער ארבעטנדיקער מענטשהייט, פון סאָציאַליזם. איבעריגענס קען איך זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די אינטערעסן פון דער פרייהייט־באַוועגונג, פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף, פון דער ארבעטער־באַוועגונג, פון סאָציאַליזם זאָלן ווען נישט איז קומען אין אַ סתירה מיט די ווירקלעכע נויטן און באַדערפענישן פון די ארבעטער־מאַסן און פעלקער פון סאָוועט־רוסלאַנד.

קאפיטל 8

מירעדט צו אונז כינעזיש...

לאָמיר זיך יעצט פאַנאַנדערקלייבן אין א צווייטן ארגומענט פון דיזעלביקע מענטשן, וואָס ווילן פאר יעדן פּרייז באַרעכטיקן דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. פונקט ווי דער ערשטער, האָט אויך ער געדאַרפט באַזייטיקן, אָדער לכל הפּחות לינדערן, די פּרעסיגע ביטער־ניש, דעם שאַרפן ווייטאָג, וואָס האָבן אין די ערשטע עטלעכע טעג פון דער טראַגעדיע „סאָוועט־רוסלאנד" אויסגעבערענט וואונדן אין אונ־זערע אלעמענס הערצער און נשמה... אָבער דער צווייטער ארגומענט איז, אין א געוויסער הינזיכט, דער היפּך פון דעם ערשטן. דער ערשטער האָט פּרובירט, ווי מיר האָבן געזען, ריינוואַשן סטאַלינס חופּה מיט היטלערן דורך אן אָנווייז אויף די א. ג. מלוכהשע אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער צווייטער אָבער פּרובירט אונז איבערצייגן, אַז סטאַלין איז מסכים געווען חתונה האָבן מיט דעם פאַשיזם, נישט צוליב די אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר צוליב די אינטערעסן פון — כ י נ ע.

זאָל זיין, האָבן זיי געטענהט — אז צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אויף דער טעריטאָריע פון דער פּוילישער רעפּוב־ליק, ווערן קרבנות פון נאַצי־דייטשלאַנד. זאָל זיין, אַז די עטלעכע מיליאָן אידן פון פּוילן זיינען פארמשפּט צו די שרעקלעכסטע יסורים און ליידן, אונטער דער בייטש פון די ברוינע נאַציסטן. זאָל זיין, אַז דער אָפּמאַך מיט סאָוועט־רוסלאַנד האָט צייטווייליק פאַרשטאַרקט נאַצי־דייטשלאַנד. אָבער סאָוועט־רוסלאַנד איז אוועק מיט דעם דאָזיקן וועג צוליב א רעוואָלוציאָנערע מצוה: כ ד י ב אַ ק ו מ ע ן פ אַ נ אַ נ ־ ד ע ר ג ע ב ו נ ד ע נ ע ה ע נ ט א ו י ף ד ע ם ו ו י י ט ן ־ מ ז ר ח. פיר הונדערט מיליאָן כינעזער ווערן דאָרט ברוטאַל און אַחזריותדיק געפּייניקט דורך דעם אזיאַטישן פּאַרטנער פון דעם פאַ־שיזם — דורך יאַפּאַן. שוין לאַנגע מאָנאַטן ווי סאָוועט־רוסלאנד פירט אַ נישט אָפיציעלע מלחמה מיט די יאַפּאַנישע פאַשיסטן. די דאָזיקע שלאַכטן האָבן געבראַכט הילף און דערמונטערונג פאר די כינעזישע פאָלקס־מאַסן. די אומזיכערע לאַגע אין מאַנגאָליע האָט געצוואונגען

יאַפּאַן אָנגרייפן לאַנגזאַמער, פּאָרזיכטיקער, פּאַרלירן צייט, פּאַראַליזירט איר דראַנג. אָבער מער ווי אַ ז אַ הילף האָט סאָוועט־רוסלאַנד נישט געקענט געבן די אומגליקלעכע כינעזישע מאַסן. נישט זייענדיק אַליין זיכער מיט אירע גרענעצן אין איראָפּע, אַליין אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון אן איבערפאַל מצד היטלער־דייטשלאַנד, האָט סאָוועט־רוסלאַנד נישט געקאָנט מיט איר גאַנצער באַוואַפנטער קראַפט זיך אנגאַזשירן אין קאַמף קעגן יאַפּאַן אויף דעם ווייטן מזרח. יעצט אָבער, ווען זי האָט אין איראָפּע געשלאָסן אויף גאַנצע צ ע ן יאָר דעם נישט אנגריף־אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, זיינען אירע גרענעצן אין דער זייט געזיכערט. זי האָט אַזוי אַרום באַקומען פּאַנאַנדערגעבונדענע פרייע הענט אין ווייטן־מזרח. יאַפּאַן וועט ערשט יעצט דערפילן דעם גאַנצן כוח פון דער רויטער אַרמיי. סאָוועט־רוסלאַנד האָט צייטווייליק שלום געמאַכט מיט דעם פאַשיזם אין מערב, כדי אים צו געבן אַ טויט־קלאַפּ אין מזרח. ס'איז אַ חשבון, אַ ס ט ר אַ ט ע ג י ש ע ר ש ר י ט. פיר הונדערט מיליאָן כינעזער וועגן מער, לכל הפחות נישט ווייניקער, ווי עטלעכע מיליאָן אידן, ווי אַ פּאָר צענדליק מיליאָן פּאָליאַקן...

מיט איין וואָרט — כדי צו כשרן דעם סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער כ י נ ע ז י ש ע ר אַ ר ג ו מ ע נ ט. מ'האָט גענומען ריידן — כינעזיש...

ס'איז געוועזן קלאָר, אַז די „סטראַטעגיע" איז אַ פאַלשע, אַז דער חשבון שטימט נישט. ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די צאָל פון די כינעזער, ווי שטאַרק ס'זאָלן ניט זיין זייערע ליידן, ווי אכזריותדיק יאַפּאַן זאָל נישט האַנדלען און באַהאַנדלען זיי — נ י ש ט א ו י ף ד י ש ל אַ כ ט פ ע ל ד ע ר פ ו ן אַ ז י ע נ אָ ר א ו י ף ד י ש ל אַ כ ט פ ע ל ד ע ר פ ו ן א י י ר אָ פּ ע קען פאַרענדיקט ווערן מיט אַ דערפאָלג די גערעכטסטע און יושרדיקסטע פון אַלע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט, די מלחמה קעגן פאַשיזם. נ י ש ט א י ן כ י נ ע, נ אָ ר א י ן ב ע ר ל י ן, קען דער פאַשיזם באַקומען אַ טויט־קלאַפּ. שלאָגט דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד, אין איטאַליען — און ער וועט פאַרניכטעט ווערן בכלל, אויך אין יאַפּאַן, אויך אין כינע. די אַרבעטנדיקע מענטשהייט אויף דער גאַנצער וועלט וועט אָפּאָטעמען לייכטער, אויך די פיר הונדערט מיליאָן כינעזער וועלן געראַטעוועט ווערן, אויך די אכציק מיליאָן דייטשן וועלן ווערן אַרויסגעריסן פון די פאַשיסטישע נעגל, ווען היטלער־דייטשלאַנד וועט ליידן אַ מפּלה, ווען דער פאַשיזם אין איראָפּא וועט פאַרניכטעט ווערן. שלום מאַכן מיט דעם פאַשיזם

אין אייראָפּע, העלפן אים מנצח זיין זיינע קעגנער אויף דעם אייראָפּיי־אישן קאָנטינענט, כדי — אין אַזיע, אויף די פעלדער פון ווייטן־מזרח אים צו באַקעמפן... אזא טיפשות האָט נאָך די וועלט נישט געזען.

אָבער אין דעם פאַל איז נישט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. דאָס לעבן האָט זייער שנעל א תל געמאכט פון דעם כינעזישן ארגו־מענט. ס׳האָט געדויערט נישט מער ווי געציילטע טעג און — די אַנטי־פאַשיסטישע וועלט האָט ווידער אַמאָל באקומען ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ: סטאַלין האָט אָפּגעשטעלט די נישט אָפיציעלע מלחמה קעגן יאַפּאַן. ער האָט געשלאָסן מיט י אַ פּ אַ ן אַ נ י ש ט ־ אַ נ ג ר י ף ־ אָ פּ מ אַ ך, פּ ו נ ק ט ו ו י מ י ט ה י ט ל ע ר ־ ד י י ט ש ל אַ נ ד. די פיר הונדערט מיליאָן כינעזער גייען אים אָן פּונקט ווי די מיליאָנען מענטשן אין פּוילן, פּונקט ווי די אידישע מאַסן, פּונקט ווי די ארבעטנדיקע מאַסן אין דער וועלט בכלל... נישט סאָוועט־רוסלאַנד נאָר יאַפּאַן האָט באקומען פ ר י י ע ה ע נ ט צו טאָן אין כינע, וואָס איר פאַשיסטישער, וואָס איר מיליטערישער חשק וועט איר אונטערזאָגן...

יאַפּאַן איז טאַקע תיכף צוגעטראָטן אויסצונוצן אין דער פולער מאָס די גינסטיקע סיטואַציע, וואָס האָט זיך דאָרט פאַר איר געשאַפן אַ דאַנק דעם נישט־אַנגריף־אָפּמאַך מיט סטאַלינען...

די פרומע וואונטשן, אז דער, וואָס האָט אין אייראָפּע געשלאָסן אַ שלום מיט היטלער־דייטשלאַנד, וועט באַקעמפן דעם פאַשיזם אין אַזיען זיינען אויסגערונען. די אלע, וואָס האָבן אזוי געוואָלט האָבן בלי־ספק אַ גוט, ערלעך, אַנטי־פאַשיסטיש הארץ. זיי זיינען אבער צו... נאַיוו. מ׳העלפט נישט דעם פאַשיזם צו געווינען די מלחמה בכלל, כדי אים צו שלאָגן אויף איין אָפּשניט, די „לאָגיק" איז געווען אויף סטאַלינס זייט. ער האָט קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן געפירט זיין בייזע ליניע. ער האָט שלום געמאכט מיט דעם פאַשיזם א ו מ ע ־ ט ו ם, אויף אלע אָפּשניטן פון דער וועלט־פּאָליטיק. סטאַלין פּרובירט איינפלעכטן סאָוועט־רוסלאַנד אין דעם פאַשיסטישן פראָנט... סאָוועט־רוסלאַנד — אונזער טראַגעדיע!

קאפיטל 9

האָט געדולד, סטאַלין וועט נאָך ווייזן...

לאָמיר יעצט זיך באַקענען מיט מאָטיוון פון אנאנדער סדרה. זיי זיינען שוין נישט אזוי ווייט קאָפּ־סברות ווי — געפיל־אויסדרוקן. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ אומצוטרוי צו די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע מלוכות בכלל. פיינטשאַפט צו פּוילן ביי די, וועלכע גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אז דאָס אָפיציעלע פּוילן, די פּוילישע רעגירונג, איז ווייט נישט דאָס זעלביקע, וואָס דאָס פּוילישע ארבעטנדיקע פאָלק, אז אורטיילן וועגן פּוילן אויף דעם סמך פון די טאָטן פון איר רעגירונג איז פּונקט אלצאיינס ווי מאכן פאראַנטוואָרטלעך די דייטשע אדער די איטאַליענישע ארבעטנדיקע מאַסן פאר די פאַרברעכנס פון היט־לער און מוסאָליני. זיי דריקן אויס דעם אומבאַגרענעצטן, דעם בלינדן צוטרוי אין סאָוועט־רוסלאַנד, א קאַפּיטאַל, וואָס סטאַלין האָט צו פאַר־דאַנקען נישט זיך, נישט זיינע מעשים, נ א ר ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ר ו ס ל ע נ ד ע ר ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע.

אָבער דערפון, וואָס די דאָזיקע מאָטיוון שטאַמען נישט פון קאָפּ נאָר פון האַרצן זיינען זיי — געפערלעכער. ס'איז א סך לייכטער באַווייזן און אויסגעפינען א טעות אין דער שאַרפסטער מאַטעמאַטי־שער אויפגאַבע, איידער איבערצייגן א פארליבטן, אז זיין געליבטע האָט א דעפעקט. ליבע איז — ב ל י נ ד.

צו די אַרגומענטן פון דעם דאָזיקן מין געהערט קודם־כל די טענה, אַז בשעת די אונטערהאַנדלונגען, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געפירט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט פּוילן זיך ענטזאָגט דורכצולאָזן דורך אירע גרענעצן די רויטע ארמיי. די פּוילישע רעגירונג האָט דעמאָלט דערקלערט, אז זי וועט זיך נויטיקן בלויז אין רוסישע עראָפּלאַנען און קריג־מכשירים. זעלנער האָט זי אליין גענוג. די רויטע ארמיי וויל זי נישט האָבן אויף איר טעריטאָריע.

מיר וועלן זיך נישט ארײַנלאָזן אין אַ ויכוח וועגן דעם, צי די פּוילישע רעגירונג האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן פאר דער רויטער ארמיי. לאָמיר אָננעמען, אז ס'איז ווירקלעך געווען אן עולה מצד דער פּוילישער רעגירונג ארויסווייזן אזא אומצוטרוי צו מאָסקווע...

ווי האָט איר גאָר געקענט איינפאַלן, אַז ווען די רויטע ארמיי וועט אריין אין פוילן, צו באַשיצן און צו העלפן איר אין קאַמף קעגן פאַשיזם, וועט זי אפשר גאַרנישט וועלן פון דאָרט ארויס... בפרט, אַז די פוילישע רעגירונג האָט דאָך געהאַט אַ נישט אַנגריף־אָפּמאַך מיט סאָוועט־רוסלאַנד. נישט קיין אָפּמאַך מיט אַ פאַשיסטישער מלוכה, וואָס איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט, נאָר אַן אָפּמאַך מיט אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג...

באמת אַ טיפע באַליידיקונג פאַר דער מאָסקווער רעגירונג, אַן אומפאַרדינטער חשד, אַן אומצוטרוי, וואָס קען אויפרעגן...

אָבער וואָס איז געדרונגען פון דעם דאָזיקן אומצוטרוי, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט ארויסגעוויזן לגבי איר מאָסקווער שכן?

די פוילישע רעגירונג איז דאָך געווען אַ קאַפּיטאַליסטישע, אַ האַלב אָדער דריי־פערטל פאַשיסטישע. וואָס איז דער וואונדער, וואָס אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט נישט קיין צו גרויסן צוטרוי צו אַ פּראָלעטאַרישער? וואָס אַ פאַשיסטישע רעגירונג באַצײַט זיך מיט חשד און אומצוטרוי צו אַ סאָציאַליסטישער? מיט וואָס האָט זיך מאָסקווע אַזוי שטאַרק איבערגענומען? ס׳איז דאָך נאָרמאַל און נאַטירלעך. זעט איר, ווען אַ פאַשיסטישע רעגירונג ווײַזט ארויס צו־טרוי צו אַ סאָציאַליסטישער, איז דער ענין נישט קיין גלאַטער; ס׳איז אַ שלעכטער סימן פאַר דער סאָציאַליסטישער רעגירונג... אָבער דער קעגנזײַטיקער אומצוטרוי און אומגלויבן מצד אַ פאַשיסטישער רעגירונג צו אַ סאָציאַליסטישער און פאַרקערט, איז דאָך דער לאָגיש־סטער, דער ריכטיקסטער וועלט־סדר...

אָבער די „סאָציאַליסטישע" רעגירונג פון מאָסקווע האָט זיך באַ־ליידיקט אויף דער פאַשיסטישער רעגירונג פון וואַרשע, הלמאי וואַרשע האָט ווייניק צוטרוי צו מאָסקווע... האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז די באַליידיקטע רויטע ארמיי וועט בלײַבן זיצן אין דער היים: אמת — ס׳האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די גערעכטעסטע און יושרדיקסטע פון אַלע מלחמות. אמת — דער פאַשיזם איז טאַקע ארויס אין אַ בלוטיקן פאַרמעסט, כדי באַהערשן די וועלט. ריכטיק — סאָוועט־רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע, איז טאַקע מער ווי אַ וועלכע נישט אַנדערע מלוכה בלוטיק פאַראינטערעסירט אין אַ מפּלה פון פאַשיזם, אָבער מאָסקווע פילט זיך באַליידיקט אויף וואַרשע און זי רירט זיך נישט פון אָרט. איר האָט צו מיר נישט געהאַט קיין נויטיקן צוטרוי — טרינקט אַליין אויס די בלוטיקע קאַשע, וואָס דער פאַשיזם האָט פאַרקאָכט.

אַזאַ פּאַזע פון א באַליידיקטן וואָלט אויך געווען אַן עולה. ס׳איז דאָך אַן אומפאַרצייַלעכער פעלער צוליב א באַליידיקונג מצד אַ פאַ־שיסטישער רעגירונג דורכלאָזן אַזא גוטע געלעגנהייט צעקלאַפּן דעם פאַשיזם בכלל, דערפירן צו זיין ענטגילטיקער מפלה. א ב ע ר ד י ־ ד אָ ז י ק ע ע ו ל ה ו ו אָ ל ט נ אָ ך ג ע ו ו ע ן א ה אַ ל ב ע צ ר ה א י ן פ אַ ר ג ל י י ך מ י ט ד ע ר ט ר אַ ג י ש ע ר ו ו י ר ק ל ע כ ק י י ט.

די באַליידיקטע סאָוועט־רעגירונג איז נישט געבליבן פּאַסיוו. נישט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט מצד דער פוילישער רעגירונג, די רויטע אַרמיי זאָל אַריבערטרעטן די גרענעצן פון פוילן, נישט געקוקט אויף דעם ניט אַנגריף־אָפּמאַך, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן וואַרשע און מאָסקווע, איז די רוסישע אַרמיי א ר י ב ע ר ג ע ט ר אָ ט ן די גרענעצן פון פוילן. אָבער, נ י ש ט כ ד י צ ו ה ע ל פ ן פ ו י ל ן פ אַ ר ט ר י י ב ן א ו ן צ ע ק ל אַ פ ן די היטלער־חילות, נאָר כדי צו העלפן היטלערן צעקלאַפּן און פאַרניכטן די פוילישע אַרמיי. נישט, כדי אנטקעגן שטעלן זיך דעם אַנגריף פון פאַשיזם, נאָר כדי אים אַרויסראַטעווען פון א סכנה אויף דעם מערב־פראָנט. נישט ווי א שונא פון היטלער־דייטשלאַנד איז די רויטע אַרמיי באַטראָטן דעם באָדן פון פוילן, נאָר ווי א שותף צום פאַשיסטישן גע־שעפט, וואָס באַקומט זיין חלק פון מיט בלוט דערוואָרבענעם רויב.

לאָמיר נישט זוכן יושר, עטיק, מאָראַל אין דעם דאָזיקן באַפאַלן א שכן, וואָס געפינט זיך אין א פאַרצווייפלטער לאַגע. אָבער וואו איז פשוטע לאָגיק? צוליב „ברוגז" זיין אויף דער וואַרשעווער רעאַק־ציאָנערער רעגירונג, — גרינדן אַן אַקציען־געזעלשאַפט סטאַלין־היטלער, ווערן א קאָמפּאַניאָן פון היטלער־דייטשלאַנד, פון אַלוועלט־לעכן פאַשיזם?! ס׳איז ווירקלעך א „לאָגיק" פון א משוגעים־הויז. ווער אָבער דער פאַרליבטער געפינען א פגימה אויף דעם הייס־באַגערטן פנים?!

די צווייטע טענה פון זעלביקן נוסח איז, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט נישט געהאַט נאָך דער מינכענער דערפאַרונג קיין צוטרוי צו טשעמבערלעינען. ער האָט געוואָלט אַריינגעאַרן רוסלאַנד אין א מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד און אַליין זיך פון איר אַרויסדרייען. מ׳קאָן אים דעם אַלטן כיטראַק מיט זיין שירעם...

אין וואָס פאַר א מלחמה האָט דער אַלטער טשעמבערלעין גע־וואָלט „אַריינגאַרן" סאָוועט־רוסלאַנד? אין א מלחמה מיט א צווייטער סאָציאַליסטישער מלוכה? אין א ברודער־קריג אָדער אין א מלחמה

מיט היטלער־דייטשלאַנד, אין א מלחמה קעגן דער נעסט פון אַלוועלט־לעכן פאַשיזם?

די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן דאָך אליין געשריבן, אַז א מלחמה קעגן פאַשיזם, קעגן היטלער־דייטשלאַנד איז די הייליקסטע, די יושרדיקסטע פון אלע מלחמות אין דער וועלט. סאָוועט־רוסלאַנד האָט דאָך געארבעט מעשים, איבערגעקערט וועלטן, געשאפן ספּעציעלע ליגעס און געזעלשאפטן, כדי אריינצוציען די וועלט אין א קאַמף קעגן פאַשיזם, אין א מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ווי קען מען עמיצן „אריינגעאַרן" צו טאָן אַ זאַך, וואָס ער אליין האַלט פאַר זיין הייליקסטן חוב? ווי קען מען „אריינגעאַרן" צו באַגיין א טאַט, וועלכן מ'האַלט אליין פאַר דעם וויכטיקסטן, פאַר דעם יושרדיקסטן? ווי קען מען בכלל „אריינגעאַרן" צו דערפילן אן עלעמענטאַרן חוב? פאַר סאָוועט־רוסלאַנד איז א מלחמה קעגן פאַשיזם אזוי עלעמענטאַר, ווי פאַר א פיש — שווימען. אדער פאַרן פויגעל — פליען. קען מען „אריינגעאַרן" א פיש שווימען אין וואַסער, אָדער א פויגל פליען אין דער לופט?

האָט סאָוועט־רוסלאַנד געוואָלט קעמפן מיט דעם פאַשיזם, אָדער נישט? די הייסע, די סאַמע אבערגלויבערישע חסידים פון סטאַלינען ווילן קעמפן און באקעמפן דעם פאַשיזם, אָדער נישט? אויב יאָ — ווי אזוי קענען זיי ריידן וועגן „אריינגעאַרן" סאָוועט־רוסלאַנד אין א מלחמה קעגן... היטלער־דייטשלאַנד?

אָבער, טענהען די דאָזיקע חסידים, סאָוועט־רוסלאַנד האָט דאָך נישט געהאט קיין צוטרוי צו טשעמבערלעינען און דעלאַדיע, זיי וואָלטן איר איבערגעלאָזן אליין...

ביי אונז סאָציאַליסטן, ביי דעם גאַנצן אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט, וועט איר לייכט פועלן, אז מ'דאַרף נישט האָבן קיין צו גרויסן צוטרוי צו קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען בכלל — און צו די העלדן פון מינכען — בפרט. מיר זיינען שטענדיק גרייט רופן די ארבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן צו קוקן זיי אויף די פינגער, צו שטיין אויף דער ו ו א ך.

אָבער ווען מיר דאַרפן אויסקלייבן צווישן טשעמבערלעינען און... היטלערן, וואָלט קיינער פון אונז זיך נישט א וואַקל געטאָן. ה י ט־ ל ע ר ו ו א ָ ל ט ד ו ר ך א ו נ ז א ל ע מ ע ן ת י כ ף ג ע־ ו ו א ָ ר ן פ א ַ ר ב ר א ַ ק י ר ט. ע ר פ א ַ ר ד י נ ט ז י כ ע ר נ י ש ט ד ע ם מ י נ ד ס ט ן צ ו ט ר ו י. פאַר אַן אַנטי־פאַשיסט איז גלויבן אין היטלערן, האָבן צו אים צוטרוי, איז דאָך פונקט ווי א שעפּס וואָלט זיך פאַרליבט אין... דעם קצב, וועלכער האַלט שוין דעם מעסער גרייט אים צו שעכטן.

אויב סאָוועט־רוסלאַנד האָטווירקלעך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אַן אָפּמאַך מיט טשעמבערלעינען, פאַרוואָס האָט זי געהאַט צוטרוי צו אַן אָפּמאַך מיט היטלערן? אויב רוסלאַנד האָט מורא געהאַט, אַז טשעמבערלעין וועט איר פאַרפירן, פאַרוואָס האָט זי די זעלביקע מורא נישט געהאַט פאַר היטלערן? אויב רוסלאַנד האָט נישט געוואָלט אַן אָפּמאַך מיט די פאַררעטער פון מינכען, פאַרוואָס איז איר געווען צום הארצן אַן אָפּמאַך מיט דעם גזלן פון מינכען, וועלכער האָט דעם פאַראַטענעם, דעם פאַרלאָזענעם קרבן פאַרצוקט און זיך פון חיהשער הנאה — באַלעקט?

אומפאַרשטענדלעך, נישט צו דערקלערן...

בלויז זייער נאַיווע מענטשן קענען האַלטן, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן זיך פאַרוויקלט אין אַ צווייטער, בלוטיקער וועלט־מלחמה, ריזיקירן יעצט מיט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין אַנזען — צוליב... דער „זעלבסטשטענדיקייט" פון פוילן. אגב — טשעמבערלעין און דעלאַדיע אליין פאַרמולירן גאַנץ געניי זייערע מלחמה־מאָטיוון. דער פאַשיזם, ד. ה. היטלער־דייטשלאַנד האָט פאַר זיי יעצט איבערגעלאָזן בלויז צוויי וועגן — ק אַ פּ י ט ו ל אַ צ י ע פאַר אים אדער מלחמה קעגן אים. אַ פּשרה מיט אים איז מער נישט מעגלעך געוואָרן. דער פאַשיזם איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע, אַז זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ באַדייט אַזאַ אלגעמיינע א ו מ ז י כ ע ר ק י י ט אַזעלכע שווערע סכנות אין קאָנפליקטן, ביי וועלכע ס'איז פשוט מער נישט מעגלעך צו מאַכן ביזנעס, ד. ה. איינהאַלטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר.

מיר האָבן געוואוסט, אַז ערגעץ וואו, אָדער ערגעץ ווען, וועט דער פאַשיזם דערגיין צו אַזאַ פּונקט, ווען ער וועט ווערן אַ סכנה פאַר דער ווייטערדיקער נאָרמאַלער פונקציאָנירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט גופא. דער דאָזיקער מאָמענט איז געקומען און צוליב אים, בלויז צוליב אים, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אָבער, ווען סאָוועט־רוסלאַנד געהערט צו דער אַ נ ט י ־ פ אַ ש י ס ־ ט י ש ע ר ק אָ אַ ל י צ י ע וואָלט זי געקאָנט באַנוצן איר גאַנצן איינפלוס, איר גאַנצן באַוואָפנטן כוח, כדי דערפירן ב י ז ן ס ו ף ד י פ אַ ר נ י כ ט ו נ ג פ ו ן פ אַ ש י ז ם, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די הערצער און די הענט פון טשעמבערלעינען און דעלאַדיע זאָלן אין דער לעצטער דעציזירענדיקער מינוט ווייכער און שוואַכער ווערן לגבי דעם באַזיגטן שונא... ווען סאָוועט־רוסלאַנד פאַרלירט נישט פלוצלונג, אין דער לעצטער מינוט, דעם צוטרוי צו ענגלאַנד און צו פראַנקרייך, ווען זי פאַרבייט נישט דעם „אומזיכערן"

טשעמבערלעינען אויף דעם „זיכערן״ היטלערן, וואָלט דער ארבעטער־קלאַס פון דער וועלט געהאַט א צד אויף וועלכן ער וואָלט זיך געקענט פארלאָזן, אז די הייליקסטע און יושרדיקסטע פון אלע מלחמות, אַז די מלחמה קעגן פאַשיזם וועט דערפירט ווערן ביז דעם סוף, ביז דער ענטגילטיקער מפלה פון פאַשיזם.

אָבער סאָוועט־רוסלאנד האָט אין דער לעצטער מינוט פארלאָרן דעם צוטרוי צו ענגלאנד און פראנקרייך...

זאָל זיין, אז סאָוועט־רוסלאַנד האָט ווירקלעך פארלאָרן דעם צוטרוי צו ענגלאנד און פראנקרייך, פארוואָס איז זי נישט געבליבן נייטראל? ווער האָט איר געשטופּט? ווער האָט איר געצוואונגען צו ווערן א צד? ווער האָט איר געשטעלט אין איין רייע מיט היטלער־דייטשלאנד ווי איר שותף, ווי איר העלפער, ווי איר ארויסהעלפער?!

פון וואנען, פון וועלכן פארסמטן קוואַל, פליסט ארויס איר צו־טרוי, איר גלויבן אין היטלערן?

אפשר וועט פאָרט דער פארליבטער ענדלעך באַמערקן, אז ביי זיין באשערטער איז ארויסגעשפּרונגען א מיאוסע, א העסלעכע בראָדאווקע אויף דער נאָז?!

סאָוועט־רוסלאנד — אונזער טראגעדיע!

ס׳זיינען אָבער פאַראַן אזעלכע, וואָס זאָגן: האָט געדולד, איר וועט נאָך זען... ס׳איז א קלוגער שאַך־צוג מצד סטאַלינען. ס׳איז א שפּיצל מצד אים קעגן היטלער־דייטשלאַנד, איר וועט זען ווי ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט דעם פאַשיזם, ווי סאָוועט־רוסלאַנד וועט אים פאַרניכטן...

ס׳איז שווער צו דיסקוטירן מיט די דאָזיקע גלויביקע, פונקט ווי מיט אַלע אַנדערע גלויביקע... מיט רעליגיעזע מענטשן דיסקוטירט מען נישט...

אָבער דער שכל זאָגט אונז אנדערש: אין דער וואָך ערב דער מלחמה האָט סטאַלין געקענט שליסן אן אָפּמאַך מיט ע נ ג ל אַ נ ד און פ ר אַ נ ק ר י י ך. זייערע מיליטערישע פאַך־לייט זיינען געזעסן אין מאָסקווע און געוואַרט אויף דעם. אַזאַ אָפּמאַך וואָלט באַדייט א מוראדיקער קלאַפּ פאר היטלער־דייטשלאַנד. סטאַלין האָט טאַקע געשלאָסן אן אָפּמאַך, אָבער מיט... היטלער־דייטשלאנד און דער אָפּמאַך איז געווען א מוראדיקער קלאַפּ פאר דער אנטי־פאַשיסטישער וועלט. שיער איר נישט געשטעלט אויף די קני פאר היטלערן. א האָר האָט געפעלט, אז הינטער דעם איינדרוק פון דאָזיקן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך זאָל די וועלט קאַפּיטולירן פאר בערלין. וואָס וואָלט

דאן געוואָרן מיט דעם „שפּיצל״, וואָס סטאַלין האָלט כלומרשט באַ־האַלטן אין זיין בוזעם קעגן היטלערן?

ווען די מלחמה איז שוין אויסגעבראָכן האָט סטאַלין געקענט אויסנוצן איר, כדי איבעררייסן דעם נאָר וואָס געשלאָסענעם אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד. דאָס וואָלט באַדייט א מוראַדיקער קלאַפּ פאַר דעם פאַשיזם. ער האָט אָבער מבטל געמאַכט זיין שלום־אָפּמאַך נישט מיט דייטשלאַנד נאָר מיט פּוילן און דאָס איז געווען אן אויסער־געוויינלעכע שטיצע פאַר דעם פאַשיזם.

ווען היטלערן איז געגאַנגען ממש אין לעבן, וואָס שנעלער זיין אימשטאַנד אריבערצוואַרפן זיין ארמיי אויף מערב, קעגן דער פראַנ־צויזיש־ענגלישער אָפענסיווע אויף דער טעריטאָריע פון פאַשיזם גופא, האָט סטאַלין געקאָנט באַפּוילן דער רויטער ארמיי ארויסצוטרעטן קעגן היטלער־דייטשלאַנד. דאָס וואָלט ווידער געווען פאַר דעם פאַשיזם א מוראַדיקער קלאַפּ, אפשר דער אָנהייב פון זיין ענטגילטיקער מפּלה. סטאַלין האָט אָבער באַפּוילן דער רויטער ארמיי ארויסצוטרעטן קעגן פּוילן און דאָס האָט ד ע ם פ אַ ש י ז ם ג ע ר אַ ט ע ו ו ע ט.

זאָל איך אויסרעכענען אַלע ווייטערדיקע געלעגנהייטן צו שעדיקן היטלער־דייטשלאַנד, צו שעדיקן דעם פאַשיזם, וועלכע זיינען דורכ־געלאָזן געוואָרן?

צו וואָס? ווי קען מען גלויבן, אז סטאַלין זוכט עפּעס א פאַנטאַס־טישע געלעגנהייט, ווען ער לאָזט דורך אלע ר ע אַ ל ע שאַנסן צו קעמפן קעגן פאַשיזם? ווען סאָוועט־רוסלאַנד וועט ענדלעך איבעררייסן איר יעצטיקע גינסטיקע פאַר היטלער־דייטשלאַנד פּאָליטיק וועט די אַנטי־פאַשיסטישע וועלט לייכטער אָפּעטעמען. הלוואי זאָל די שעה, וואָס שנעלער קומען. בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט. אָבער ווי אזוי קען מען גלויבן, אז ס ט אַ ל י ן זוכט אין דער צוקונפט אַ געלעגנהייט צו געבן אַ קלאַפּ דעם פאַשיזם בעת ער אליין האָט אזוי פיל געלעגנהייטן ניט אויסגענוצט, בעת אין אלע ביז־איצטיקע קריטישע פאַר דעם פאַשיזם סיטואַציעס איז סטאַלין אים געקומען צו־הילף, אים געראַטעוועט... אויף ו ו ע ן וואַרט סטאַלין? ווען היטלער־דייטשלאַנד וועט אָפּהאַלטן א רייע נצחונות, זיך פאַרפעסטיקן אין פּוילן, קאָנצענטרירן איר גאַנצע ארמיי קעגן פראַנקרייך און ענג־לאַנד — ווען זי וועט טעראָריזירן און אינטערמינירן א רייע אנדערע מלוכות וועט זיין לייכטער א סוף מאַכן מיט דעם פאַשיזם? פאַר־שטייט נישט דעם דאָזיקן חשבון סטאַלין? ס׳ליגט זיך דאָך נישט אויפן שכל. בפרט, אז, וואָס אינטימער עס ווערן די באַציאונגען צווישן

סטאַלינען און היטלערן, אַלץ פּאַטאַלער ווירקט זיך אויס דער דאָזי־קער צושטאַנד אויף דעם א. ג. אינערלעכן פראָנט, וועלכער איז פאַר אונז סאָציאַליסטן אומגעהויער וויכטיק.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם דאָזיקן „אינערלעכן פראָנט״.

קאַפּיטל 10

סטאַלין און דער אינערלעכער פראָנט

דער א. ג. „אינערלעכער פראָנט״ איז בעת מלחמה־צייטן באַזונדערס וויכטיק. מיר ווייסן פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע ראָליע ער האָט געשפּילט. אויב דייטשלאַנד איז געווען אימשטאנד אין די ערשטע פאָר יאָר פון דער וועלט־מלחמה, מיט 25 יאָר צוריק, מאַרשירן פון איין נצחון צו דעם צווייטן, האָט זי איר כוח געהאַט צו פאַרדאַנקען נישט אין א קליינער מאָס איר אינערלעכער אייניקייט. די גאַנצע, אָן אויסנאַם, דייטשע באַפעלקערונג איז אין יענע יאָרן געווען אייניק און געשלאָסן, געוואָלט אדורכהאַלטן און — זיגן. דייטשלאַנד איז דעמאָלט געווען פריי פון אן אינערלעכן שונא. אויב דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געליטן א מפּלה נאָך א מפּלה, אינערלעך צופאַלן און געפוילט, איז דער דאָזיקער צושטאַנד געווען ווידער אמאָל, נישט אין א קליינער מאָס, א פּועל־יוצא פון איר „אינערלעכן שונא״. דער וואקסנדיקער איינפלוס פון אירע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן, באזונדערס פון אירע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אויף די נישט מונדירטע און מונדירטע פאָלקס־מאַסן האָט סוף־כל־סוף דערפירט רוסלאנד צו דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, צו א רעוואָלוציע אין מיטן פון א בלוטיקער וועלט־מלחמה...

אָבער די ערשטע וועלט־מלחמה איז געווען אין פארגלייך מיט דער היינטיקער אַ ק י נ ד ע ר ־ ש פּ י ל. נישט בלויז אין הינזיכט פון די נייע מערדערישע באַוואפנונגען, וועלכע קענען היינט פאַרניכטן, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, קאָנטינענטן. נישט בלויז צוליב די סאָציאַל־פּאָליטישע קאָנסעקווענצן — דער זיג פון פאַשיסטישן צד וועט פאַרשקלאַפן די גאַנצע ארבעטנדיקע מענטשהייט. אויך די באַדייטונג פון „אינערלעכן פראָנט״ איז גוואלדיק געשטיגן אין דער יעצטיגער מלחמה אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער. ס׳איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אז דוקא ער — דער אינערלעכער שונא — זאָל דעצידירן וועגן אויסגאַנג פון דער וועלט־מלחמה. ביי די מער אדער ווייניקער גלייכע כוחות פון די מלחמה־פירנדיקע צדדים קען דער אז. ג. „אינערלעכער שונא״ שפּילן א וועלט־געשיכטלעכע ראָל.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געבויט אונזערע האָפנונגען צו באַזיגן דעם פאַשיזם בלויז אויף מיליטערישער סטראַטעגיע, בלויז אויף די קריג מזלות פון די מלחמה־צדדים. אזא איינזייטיקייט וואָלט אָבער אודאי און אודאי געווען א פאַרברעכן אין דער היינטיקער מלחמה, אין דער יושרדיקסטער און גערעכטסטער פון אלע מלחמות. די גאנצע אנטי־פאַשיסטישע וועלט דאַרף אלץ טאָן, כדי די פאָלקס־מאַסן אין די פאַשיסטישע לענדער גופא זאָלן, וואָס שנעלער דערוואכן, זאָלן, וואָס שנעלער, אויף זייער אייגענעם שטייגער, זיך ארייננמישן, זאָגן זייער אייגן וואָרט...

ווי אזוי האָט אָבער געווירקט דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך אויף דעם אזוי וויכטיקן פאַר אונז „אינערלעכן פראָנט?" ווי אזוי ווירקט ער זיך נאָך ווייטער אויס אויף אים? דאָס וויכטיקסטע, דעצידירנדיקע לאַנד איז פאַר אונז נאַטירלעך — דייטשלאַנד.

צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע, איז דייטשלאַנד יעצט אריין אין דער וועלט־מלחמה מיט א נישט זיכערן, מיט א נישט גינסטיקן פאַר איר „אינערלעכן פראָנט". היטלער־דייטשלאַנד פאַרמאָגט אן „אינערלעכן שונא". צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע לעבט אין אויסלאנד א צאָלרייכע דייטשע סאָציאַליסטישע עמיגראַציע, וואָס שטרעבט און טרוימט וועגן א שנעלן סוף פון היטלער־רעזשים, וואָס זעט נישט קיין אנדער וועג דערצו, ווי זיין מיליטערישע מפלה. אין לאַנד גופא זיינען הונדערטער טויזנטער ארעסטירט, געפאַנגען אין די היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווערן געפייניקט און פאַרפייניקט. מיט זייערע משפחה־אָנגעהעריקע, מיט זייערע נאָענטסטע און נאָענטע — בילדן די דאָזיקע קרבנות פון פאַשיזם —א גאנצע ארמיי. א צווייטע ארמיי פון וועכטער, פּאָלי־ציאַנטן, פּראָוואָקאַטאָרן און מוסרים איז באַשטימט, צו באַוואכן, צו האַלטן אין צוים דעם דאָזיקן „אינערלעכן שונא". ס"ה מיט 5־6 יאָר צוריק זיינען נאָך 12 מיליאָן שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן דורך די דייטשע ארבעטער־מאַסן פאַר סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע דעפּו־טאַטן. זיי זיינען דאָך אלע נישט אויסגעשטאָרבן. זאָל זיין, ס'איז איבערגעטריבן די מיינונג, אז אלע 12 מיליאָן שונאים פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד זיינען היינט — ווי קאָטלעטן: בלויז פון אויבן ברוין, אָבער אינערלעך—רויט. זאָל זיין, אַז א טייל פון דער דאָזיקער אנטי־פאַשיסטישער, פּראָלעטאַרישער ארמיי איז אין די זעקס יאָר פון אומבאַגרענעצטער פאַשיסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע פאַרטויבט, פאַרשכורט געוואָרן. אָבער מיליאָנען זיינען דאָך פאָרט געבליבן טריי זייערע אלטע איבערצייגונגען. מיליאָנען האָבן

דאָך פּאָרט במשך פון די דאָזיקע שווערע, פיינלעכע זעקס יאָר גע־קריצט יעדן טאָג אין דער שטיל מיט די ציין, געביילט זייערע פויסטן און געוואַרט אויף א געלעגנהייט... אויף דער געלעגנהייט, וואָס די יעצטיגע מלחמה גיט זיי...

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד, איז ארויס איר סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אויף צו מאָרגנס נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט, מיט אַן עפנטלעכע דערקלערונג, געדרוקט אין אַלע צייטונגען פון דער וועלט, חוץ נאַטירלעך אין היטלער־דייטשלאַנד, אַז זי וועט שטיצן דעם קאַמף פון די דעמאָקראַטישע לענדער קעגן דעם היטלער־רעזשים, וואָס האָט איר אומגליקלעך פאַטערלאַנד פארשקלאַפט און אריינגעוואָרפן אין אָפּגרונט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיליאָנען דייטשן זעען יעצט נישט קיין אנדער וועג ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער פאַשיסטישער באַרבעריי און בלוט־הערשאַפט, ווי דורך א מיליטערישע מפּלה פון דער היטלעריסטישער ארמיי. ס׳איז נישט קיין פויגלדיקע לאַגע פאר א רעזשים, וואָס וויל דורך א מלחמה באַהערשן די וועלט...

די ידיעות, וואָס זיינען דורך די קאַנאַלן פון דער אומלעגאַלער דייטשער ארבעטער־באַוועגונג אָנגעקומען אין אויסלאַנד ס״ה מיט עטלעכע מאָנאַטן פאר דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבן טאַקע עדות געזאָגט וועגן געענדערטע שטימונגען פון די דייטשע פאָלקס־מאַסן. וועגן סטרייקס אין גרויסע פאבריקן. דער לאָזונג פון געריכגן „קאַנאָנען אנשטאָט פּוטער״ האָט ארויסגערופן אין א סך פונקטן פון דייטשלאַנד אן אָפענע אומצופרידנקייט. פרויען פאר די ליידיקע און אויסגעליידיקטע שפּייז־געוועלבער זיינען ארויס פון געדולד. אָנגעהויבן ערטערווייז אָפן רעוואָלטירן. אומעטום — סימנים פון אומצופרידנקייט, פון וואַקסנדיקן פּראָטעסט...

אָבער די דאָזיקע גינסטיקע, נאַטירלעכע אנטוויקלונג ווערט מיט־אַמאָל, פּלוצלינג איבערגעריסן. היטלער דערקלערט — מלחמה דער וועלט.

היטלער ווייס די אמתע שטימונגען פון די דייטשע ארבעטנדיקע מאַסן, פון די דייטשע פאָלקס־מאַסן. ער פילט זיי בעסער — ווי ווער נישט איז פון זיין פאַשיסטישן שטאַב. נישט אומזיסט האָט ער זיין מחנה א נאָמען געגעבן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. ער לאָזט בכלל נישט ארויס דעם נאָמען „סאָציאַליסט״ פון זיין מויל, ער פּוצט זיך כסדר אין פרעמדע און געגנבעטע פעדערן. און ווען ער דעצי־דירט זיך אויף מלחמה — פירט ער ווייטער די דאָזיקע אָפּנאַרעריי:

נישטאָ היינט קיין איין ראַדיאָ־פּראָגראַם אין היטלער־דייטשלאַנד וואָס זאָל זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַ רוף: „דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם קעמפט קעגן דעם דעמאָקראַטישן פינאַנס־קאַפּיטאַל פון מערב פאַר אַן אמתן סאָציאַלן יושר, פאַר דער ווירקלעכער סאָציאַלער גערעכטיקייט.״

אין אַזאַ אַטמאָספערע, אויף אַזאַ באָדן, ביי אַזאַ תהו־ובהו אין די מחות, קומט די אומגלויבלעכע ידיעה: סטאַלין האָט געשלאָסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט היטלערן, די רויטע מאָסקווע העלפט בערלין צו באַזיגן די שונאים. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי אַזוי דידאָזיקע „שטיקל נייס״ איז באַנוצט און אויסגענוצט געוואָרן דורך דער גאַנצער פאַשיסטישער פרעסע פון דייטשלאַנד, דורך די מיליאָנען ראַדיאָ־פּראָגראַמען און אויף די פאַשיסטישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט אַרבעט אין היטלער־דייטשלאַנד אויסגעצייכנט, מוסטערהאַפט און מיט אַ פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט. ער האָט שוין גזאָרגט דערפאַר, אַז די אומגלויבלעכע ידיעה זאָל אויסגענוצט ווערן אויף אַלע מעגלעכע אופנים. אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו טאָן, כדי צעטומלען דעם „אינערלעכן פראָנט״, כדי אים צעברעקלען און אָפּשוואַכן, איז געטאָן געוואָרן: דער דייטשער פאַשיזם האָט אַרויסגעזויגן פון דעם דאָזיקן אומגלויבלעכן פאַקט דעם גאַנצן פּאָליטישן פּראָפיט, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען.

איר מורמלט אויף אונזער פירער, האָט זיך די דייטשע פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע צעלייגט אויף אַלע טעלערלעך, איר טענהט, אַז ער איז אַ דיקטאַטאָר, איר צווייפלט אין זיין סאָציאַלן יושר און אין זיין סאָציאַלער גערעכטיקייט, מ׳זאָגט אויך, אַז ער איז אַ געוויינלעכער פאַשיסט, האָט זיך די היטלער־פּראָפּאַגאַנדע צעשריען איבער גאַנץ דייטשלאַנד, טאָ נאָט אייך, גיט אַ קוק, סטאַלין אַליין, ער אַליין, דער ראש פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, די רויטע מאָסקווע — די הויפּט־שטאָט פון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן לאַנד, האָט געשלאָסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט אונזער פירער, העלפט אים פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. די רויטע אַרמיי קעמפט צוזאַמען מיט אונזער העלדישער דייטשער נאַצי־אַרמיי, די מיניסטאָרן פון דער רויטער מאָסקווע צוזאַמען מיט די מיניסטאָרן פון ברוינעם בערלין גיבן אַרויס געמיינזאַמע דערקלערונגען פאַר דער גאַנצער וועלט... וואָס וועט איר יעצט זאָגן — אומצופרידענע, רעוואָלטירנדיקע, אומגלויביקע עלעמענטן פון דייטשן פאָלק? זעט איר דען נישט באַשיינפּערלעך, אַז אונזער „פירער״, איז

נישט אַ פאַלשער משיח, נאָר טאַקע דער וואָרער, דער אמתער, דער לאַנג און הייס באַגערטער?!

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי אזוי דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך האָט געווירקט אויף די דייטשע ארבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן: סאָציאַליזם — נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, סוף־כל־סוף — ווער ווייסט? אפשר, אפשר טאַקע... דער קאָמוניסטישער ראש־הגדול, סטאַלין אליין, סאָוועט־רוסלאנד אליין גייט דאָך געפּאָרט מיט אים... זיי זיינען דאָך נישט משוגע געוואָרן... האָבן ווידער אמאָל מיליאָנען אַנגעהויבן אין היטלער־דייטשלאַנד צו צווייפלען און צו וויטאָגן... דער פּועל־יוצא האָט געקענט זיין בלויז איינער: דער גינסטיקער „אינערלעכער פראָנט” קעגן פאַשיזם אין דייטשלאַנד גופא—איז דעזאָריענטירט און דעמאָראַליזירט געוואָרן, איז געוואָרן צעמישט און צעטומלט.

איז דען מעגלעך, אז סטאַלין, וועלכער איז אליין איינער פון די, וואָס האָבן אמאָל אָנגעפירט מיט אזא „אינערלעכן פראָנט” אין צאַרישן רוסלאנד, וועלכער איז אליין דורך דעם קאַמף פון זיין פּארטיי אויף דעם דאָזיקן אינערלעכן אָפּשניט, דערהויבן געוואָרן צו זיין יעצטיקע דיקטאַטאָר־שטול, אז ער זאָל נישט פארשטיין, אז ער זאָל נישט דער־שעצן די מהומה, וואָס זיין אָפּמאַך מיט היטלערן האָט ארויסגערופן אין דעם אינערלעכן פראָנט פון דייטשלאַנד?

אָבער דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך איז א מוראדיקער קלאַפּ פאַר אונזער „אינערלעכן פראָנט” נישט בלויז אין היטלער־דייטשלאַנד. אין אלע לענדער, וועלכע דער פאַשיזם האָט אָקופּירט, אין אלע מלחמה־פירנדיקע לענדער און אין אלע נייטראַל פארבליבענע לענדער, איז א דאנק דעם סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך דעזאָריענטירט און דעמאָראַליזירט געוואָרן די אנטי־פאַשיסטישע כוחות. דער אַנזען פון די בירגערלעכע פּארטייען איז אומעטום אויסגעוואַקסן פונקט אויף אזוי פיל אויף וויפיל ס׳איז אין די אויגן פון נייע מיליאָנען ארבעטס־מענטשן דיסקרעדיטירט און אראָפּגעריסן געוואָרן דער גלויבן אין אַ לאַנד, אין אַ פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאכט איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די רעאַקציאָנערע, די פאַשיסטישע כוחות אין אלע לענדער רייבן זיך די הענט פון נחת, וואָס דער סטאַלין־היטלער־בלאָק האָט זיי פאַר־שאַפט. די דעמאָקראַטישע, די אנטי־פאַשיסטישע כוחות ברעכן מיט די הענט פון וויטאָק, פון חרפה, פון שאַנדע און פון צייטווייליקער אָנמאַכט...

היינט די דעמאָראַליזאַציע פון די רוסישע ארבעטנדיקע מאַסן גופא? זיי דארפן זיך איבער־נאַכט א י ב ע ר ש ט ע ל ן א ו י ף א נ ד ע ר ע ר ע ל ס ן. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אנטי־פאַשיסטן און אויפגעשטאנען — שותפים פון היטלער־דייטשלאַנד, באַשיצער פון פאשיזם. מ׳הייסט זיי יעצט שפייען אויף דאָס אלץ, וואָס איז נאָך נעכטן פאר זיי, פונקט ווי פאר דער גאַנצער אנטי־פאַשיסטישער וועלט, געווען הייליק און טייער. מ׳באפעלט זיי יעצט צו שרייען הורא פון התפעלות פאַר דאָס אלץ, וואָס זיי האָבן נאָך נעכטן, צוזאמען מיט אלע אנטי־פאַשיסטן, געשאָלטן און פארשאָלטן. האקנ־קרייץ־פענער, וואָס ברידערן זיך אויף די גאסן פון מאָסקווע מיט דער רויטער פאָן, קלאנגען און טענער פון פאשיסטישע מארשן, וועלכע מישן זיך אויס אויף די פאראד־פלעצער פון מאסקווע מיט טענער פון אינטערנאַציאָנאל... אזעלכע זאכן ווערן נישט פארגעסן. זיי קענען נישט פארגעסן ווערן. זיי לאָזן איבער טיפע, שמערלעכע, אייטער־דיקע וואונדן...

סאָוועט־רוסלאַנד — אונזער טראגעדיע!

קאפיטל 11

פאַרשטייט ניט סטאַלין, וואָס ער טוט?

אָבער צוליב וואָס איז סטאַלין אוועק מיט דעם דאָזיקן וועג? פארשטייט ער נישט, אַז פאַר סאָוועט־רוסלאַנד איז היטלער־דייטשלאנדס זיג אן אומגליק, — די גרעסטע סכנה? זעט ער דען נישט, אז זיין נייער קער מיטן פנים צום פאשיזם און מיטן רוקן צו דער אנטי־פאַשיסטישער וועלט, איז א מוראדיקער קלאפּ איבער איר, איז א שוידערלעכער פארברעכן קעגן די אינטערעסן פון פרייהייט, פון דעמאָקראטיע, פון סאָציאליזם?

א זייער ערנסטע, א זייער וויכטיקע פראגע. מ׳קען נישט אוועקלייגן די פעדער, נישט פרובירנדיק צו ענטפערן אויף איר.

אין סוף פון 18־טן און אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט האָט אייראָפּע פאַרגעשטעלט מיט זיך אן אויסטערליש בילד. איבער אירע וועגן און שטעגן, איבער דער שווייץ, איבער עסטרייך, איבער איטאַליען, דייטשלאנד און פראנקרייך האָבן מארשירט ר ו ס י ש ע ז ע ל נ ע ר און ר ו ס י ש ע ק אָ ז אַ ק ן, קעמפנדיק, לויט א באַפעל פון רוסישן צאַר, קעגן די באטאליאָנען פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסן.

נאָך היינט ווייזט מען אונז אין פאריז די בולוואַרן, וואו די רוסישע קאָזאקן אין יאָר 1812, האָבן זיך אויסגעצויגן איבערצונעכטיקן...

וואָס האָט דער רוסישער צאַר געזוכט אין די לענדער פון אייראָפּע, אין פאריז? וואָס האָט ער דאָרט געקענט געפינען? צוליב וואָס האָבן די זין פון דער רוסישער ערד, די רוסישע פויערים, די קאלמיקן, די קאָזאקן איבערגעלאָזן זייערע ביינער אין זינלאָזע שלאכטן איבער גאנץ אייראָפּע.

כדי פארזיכערן די דעמאָלדיקע רוסישע מלוכה־אינטערעסן איז די רוסישע ארמיי אין אייראָפּע געווען מער ווי א זינלאָזע דערשיינונג; י ע ד ע ר ג ע פ א ל ע נ ע ר ר ו ס י ש ע ר ז ע ל נ ע ר א י ז נ י ש ט ב ל ו י ז א ן א ו מ ז י ס ט ע ר, ז י נ ל אָ ־ז ע ר ק ר ב ן, נאָר ממש א פארברעכן לגבי זיך אליין, לגבי דער רוסישער מלוכה.

דער צאַר האָט בפרוש פאַרראַטן זיין אייגענע מדינה: ער האָט געשיקט רוסישע מיליטער באַפרייען פרייסן און עסטרייך פון די פראַנצויזישע אַרמייען. אבער, ס'איז נישט געווען אין רוסלאַנד קיין מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען, אַז פראַנקרייך, וואָס האָט נישט קיין געמיינזאַמע גרענעץ מיט רוסלאַנד, איז נישט און קען נישט זיין איר שונא. דאַגעגן פרייסן און עסטרייך, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט רוסלאַנד האָבן דאָך פון קדומנים קאָנקורירט און געקעמפט מיט דער צאַרישער מדינה פאַר דער השפעה אויף לענדער און פעלקער אין מזרח און אין צענטראַל־אייראָפּע. אָפּשוואַכן פראַנקרייך און פאַרשטאַרקן פרייסן און עסטרייך, האָט באַדייט בידים פאַרשטאַרקן דעם שונא פון זיין אייגענעם לאַנד. פונדעסטוועגן איז די צאַרישע זעלבסטהערשונג עקשנותדיק געגאַנגען מיט דעם וועג...

פאַרוואָס?

דאָס פאָלק פון פאַריז האָט געשטורעמט די באַסטיליע. דער סימבאָל פון קנעכטשאַפט איז געפאַלן. פאַריזער האָבן געקעמפט, האָבן גילאָטינירט זייער אייגענעם קעניג, דעם פון גאָט געזאַלבטן הערשער פון פראַנקרייך.

איז דער רוסישער צאַר געוואָרן אומרואיק. ס'פאַלן קעפּ פון געקרוינטע! דער אַלטער, איינגעשטעלטער סדר אויף דער וועלט וואַקלט זיך... די וועלט ווערט באַשיינפּערלעך באַהערשט דורך דעם אַנטיכריסט, דורך דעם טייוול... מ'קען נישט בלייבן מיט פאַרלייגטע הענט. ס'גייט נישט אין דאָס לעבן. ס'איז זיין הייליקע מיסיע צו מאַכן אָרדנונג אין דער צעשויבערטער פון רעוואָלוציאָנערע ווינטן וועלט. דער צאַר שיקט זיין חיל קעגן די פאָלקס־מאַסן פון אייראָפּאַ...

ס'אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז וואָס שטאַרקער ס'ווערט היטלער־דייטשלאַנד אַלץ אַ גרעסערע סכנה איז זי פאַר סאָוועטרוסלאַנד. דער פאַשיזם איז אַ דם־שונא פון אַ רעוואָלוציאָנער רוסלאַנד. די מלוכהשע אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד קענען פאַרטיידיקט ווערן ניט דורך אַ שלום, נאָר בלויז דורך קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד. זיי קענען פאַרזיכערט ווערן בלויז ביי אַ מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד. די דערקלערונג פון דער „פּראַוודאַ״, אַז די מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד איז די יושרדיקסטע און גערעכטסטע פון אַלע מלחמות — איז געווען אַ ריכטיקע און אַ אויפריכטיקע. די שאַרפע און ליידנשאַפטלעכע אַנטי־פאַשיסטישע איינשטעלונג פון דער סאָוועט־רעגירונג, איר פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ וועלט־פראָנט קעגן פאַשיזם, האָט אַנטשפּראָכן די מלוכהשע אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אָבער די אינטערעסן פון דער דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאנד, די אינטערעסן פון דעם מלוכהשן אַפּאַראַט, וואָס פירט דאָרט דורך די דיקטאַטור, האָבן פארקערט, געפאָדערט... שלום מאכן מיט אלע דיקטאַטאָרישע רעזשימען אין דער וועלט, אויפהערן זיי צו באקעמפן...

פארוואָס? לאָמיר פּרובירן אויפקלערן אין א פּאָר ווערטער:

ווי פילט זיך א דיקטאַטאָר בעת אין אלע ארומיקע לענדער הערשט פרייהייט, הערשט דעמאָקראַטיע? בעת אין דער גאַנצער וועלט הערשן די פאָלקס־מאַסן, — בעת אלץ ארום אָטעמט מיט פרייהייט, מיט גע־זעצלעכקייט און בלויז, ע ר, בלויז אין זיין לאַנד אליין איז — דיקטאַטור?

ער פילט זיך, ער מוז זיך פילן אומהיימלעך, אומבאקוועם, אָפּגע־שוואכט, אָפּהענגיק, אומזיכער...

אָבער ווען אין אלע שכנתדיקע לענדער איז פּונקט אזוי חשך ווי אין זיין אייגן לאַנד, ווען אומעטום רעגירן דיקטאַטאָרן, ווען די דיקטאַ־טור איז די הערשנדיקע מלוכה פאָרם אויף דער וועלט, ווען די זון פון פרייהייט איז אונטערגעגאנגען נישט בלויז פאר די פאָלקס־מאַסן, איבער וועלכע ער באַלעבאַטעוועט, נאָר פאַר דער גאַנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט — פילט זיך דער דיקטאַטאָר אין די פעדערן. ער איז אויף דעם פערד. ער איז זיכער אין זיך, אין דער פעסטקייט פון זיין ממשלה. ער פילט זיך באקוועמער...

העלפן זיגן דער פרייהייט, וואו ס'זאָל נישט זיין, באדייט אָפּשוואכן די ממשלה פון דעם דיקטאַטאָר, באַדייט — אונטערהאקן די צווייג, אויף וועלכער ער האָט זיך אוועקגעזעצט.

די מלוכהשע און פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע אינטערעסן פון סאָ־וועט־רוסלאנד האָבן טאקע באַפעלעריש געפאָדערט קאמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד, אויפשטעלן, אָרגאניזירן קעגן איר אן אנטי־פאַשיסטישן פראָנט.

די אינטערעסן פון דעם אינערלעכן רעזשים אין סאָוועט־רוסלאנד, די אינטערעסן פון דער דיקטאַטור האָבן אָבער נישט ווייניקער עקשנותדיק פארלאנגט וואָס שנעלער — איבעררייסן דעם געפערלעכן פלירט מיט דער דעמאָקראַטיע, וואָס שנעלער שלום מאכן מיט דעם פאַשיזם.

צווישן די דאָזיקע צוויי טענדענצן האָט זיך געוואָקלט אהין און צוריק די פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאנד פאר דעם לעצטן צענדליק יאָר.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך אונז אלעמען אויסגעוויזן, אַז אין דער פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאנד האָט ענטגילטיק געזיגט די

טענדענץ פון קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד. אז געטריבן דורך איר אייגענעם זעלבסט־דערהאלטונג אינסטינקט ווי א מלוכה און ווי א סאָוועטישע מלוכה, האָט זי זיך ענטגילטיק דעצידירט צו קעמפן אויף לעבן און טויט מיט דעם פאַשיזם. אָבער מיר זיינען גרויזאם אנטוישט געוואָרן... ס'איז געקומען די גרויסע טראַגעדיע, דער 23טער אוגוסט פון יאָר 1939, דער טאָג, ווען דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע...

די אינטערעסן פון דער דיקטאַטור איבער סאָוועט־רוסלאנד האָבן גובר געווען די אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאנד גופא...

צו דאָס מאָל — לעולם־ועד?

אומגלויבלעך! די נייע פּאָליטיק איז סותר די אינטערעסן פון לאַנד־פאַרטיידיקונג!

די סאָציאַל־פּאָליטישע לאַגע פון סאָוועט־רוסלאנד איז אויך נישט אן ענין, וואָס קען מינימיזירט ווערן. דער שטרייט צווישן די צוויי טענדענצן, צווישן די צוויי ריכט־ליניעס פון רוסלאנס פּאָליטיק איז ווייט נישט קיין פאַרענדיקטער.

דער קאמף אין סאָוועט־רוסלאנד גופא פירט זיך ווייטער, ער קען נישט אויפגעגעבן ווערן. פונקט אזוי ווי די אינטערעסן פון דער דיקטאַטור האָבן פּלוצלינג גובר געווען, און געשטעלט אין סכנה די גאַנצע ארבעטנדיקע וועלט, קען אומגעריכט זיגן צוריק די צווייטע ריכטונג...

אָבער אין דעם דאָזיקן אינערלעכן קאמף, וואָס קומט פאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, קען שפּילן א גרויסע ראָלע די שטעלונג און די האַלטונג פון דער פּראָלעטארישער עפנטלעכקייט בכלל און פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט אין דער גאנצער וועלט בפרט. צובאַמקען צו סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, פאַרטיידיקן אים, באדייט העלפן דער יעצ־טיקער אומגליקלעכער ריכטונג, וואָס לענגער צו געוועלטיקן אין סאָוועט־רוסלאַנד. פּראָטעסטירן קעגן אים, רעוואָלטירן, פאַראורטיילן אים, באדייט העלפן אלע די, וואָס קענען נישט מיט אים שלום מאַכן, וואָס קעמפן קעגן אים אין סאָוועט־רוסלאנד גופא...

צוליב דעם טאָקע איז אזוי וויכטיק, אזוי אומגעהויער וויכטיק, נישט א מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף די פארעקשנטע חסידים פון סטאַלינען, נאָר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פּרובירן זיי צו איבערצייגן... ס'האַנדלט זיך דאָך נישט אין זיי. אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס ענדערט דעם פנים פון דער ערד, איז זיכער פאַראַן בילכערע און דרינגענדערע ענינים, ווי איבערצייגן פארעקשנטע... מ'וואָלט זיי געקענט לאָזן צו־רו: אָבער ס'האַנדלט זיך וועגן סאָוועט־

רוסלאַנד. זי האָט געדאַרפט און זי קען נאָך אלץ שפּילן א גרויסע ראָלע אין דעם יעצטיקן פאַרמעסט, וואָס וועט דעצידירן דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט. וואָס מער קאָמוניסטיש געשטימטע אַרבע־טער און פאָלקס־מאסן וועלן זיך איבערצייגן אין דעם, אז דער סטאַלין־היטלער אָפּמאך איז א בלוטיקער, אומפאַרציילעכער פאַרברעכן, אלץ גיכער וועט נעמען א סוף צו דער יעצטיקער ווייטאָגדיקער חרפּה, אלץ שנעלער וועט סאָוועט־רוסלאַנד צוריק פאַרנעמען דעם אָרט אין אנטי־פאַשיסטישן פראָנט, וועלכן זי האָט געדאַרפט פאַרנעמען.

**
*

דעם 15־טן אויגוסט האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער מאָסקווער רעגירונג „פּראַוודאַ" געשריבן:

„א מלחמה פון סאָוועט־פאַרבאַנד קעגן פאַשיזם וועט זיין די
„סאַמע געזעכטע און געזעצלעכע פון אלע מלחמות, וועלכע
„די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט"...

דעם 9־טן אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר דרוקט דער צענט־ראַלער אָרגאַן פון דער מאָסקווער רעגירונג א לייט־אַרטיקל, אין וועלכן ס'שטייט שוואַרץ אויף ווייס:

„מ'קען ליב האָבן אָדער האַסן דעם פאַשיזם, פּונקט ווי
„יעדע אַנדערע פּאָליטישע סיסטעם. דאָס איז א זאַך
„פון געשמאַק. אָבער א מלחמה, כדי צו פאַרניכטן
„דעם פאַשיזם, איז אַ קרימינעלער פאַרברעכן."

סאָוועט־רוסלאַנד — אונזער טראַגעדיע!!!